STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00324

SHRIFTEN

Morris Rosenfeld

Permanent preservation of this book was made possible by
Herbert Wechsler
in memory of
Samuel Wechsler

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק

THE WORKS OF MORRIS ROSENFELD VOL. II.

שריפטען

פון

מאררים ראזענפעלד

צווייטער באַנד

(פּאָעזיע)

ארויסגעגעבען פון

א. מ. יעוואַלענקאָ, ניו יאָרק

Copyright, 1908

By A. M. Evalenko, Publisher

אינהאלטס־פערצייכנים

ליעבע און לעבען

ווידער זינג איך 5
אַמאָל 8
צו דער פּאַסטושקע 10
אונרוה 12
ליעבע... 13
דו פרעגסט מיך 14
פריהלינג 15
זי'.... 16
פאר דער חופּה 18
פערליעבט 20
אַ מלאך 21
חרטה 22
קדוש לבנה 23
אמת'ע גליקען 24
פליגעלע און ראָזע 25
דער געווינשטער טאָג 26
צו אַ כוואַליע 28
נאַטור און מענש 29
שוין באַלד 31
אַליין 33
דער קאַמפּף 34
מינוטען 36
פּאַנאָראַמע 38

שלאַנג און גן עדן 43
דאָס לעבען און דער דיכטער 46
דער אָדלער 48
פּאָעזיע און ברויט 49
לעבען 51
דיכטער און פילאַנטראָפּ 52
מיין זוהן 54
מיין קינד 56
אַלע שווייגען 57
ע ר ד 58
קינדער ליעבע 59
דריי ליעדער 60
אַ טויטע האַרץ 63
שטיקלעך שנעע 65
דער סך הכל 67
די לעצטע נסיעה 69

אידישע געזאַנגען

אַליין מיט גאָט 73
שולמית 76
די האַרפּע און דער סידור 77
אידישער פּנקס 78
דער מבול 80
פאַנטאַזיע 82
ג ל ו ת 84
קריעת ים סוף 86
פּ ס ח 89
סוכות 91
דאָס חנוכה ליכטעל 92
מ ש ה 94

יהודא המכבי 96
דער אייביגער פונק 98
ליל שמורים 100
פרינצעסין שבת 105
ברכי נפשי 112
מתן תורה 117
די היסטאָרישע פעקלאַך 121
מאַטע דבורה'ס 125
מען טאָר ניט 127
דער ווייגאַכטס-בוים 129
צום נייעם יאָהר 130
דער רעגענבויגען 132

פון דער אָרעמער גאַס

דער בית-עולם-סאָלאָוויי 135
אין דער ארעמער גאַס 137
די זינדיגע 139
די געפאַלענע 141
צו אַ באָרוועסע מיידעלע 143
דער בלינדער בעטלער 146
די נייע צייט 149
מיר זיינען פריוהייטס-סאָלדאַטען 151
העלדען 153
צום סטרייקענדען מיינער 155
קריזיס 157
צו די קרעכצער 159
די ערוואכונג 161
ראש השנה 163
„עס קען ניט זיין"..... 165
די שטילע שנאה 167

אייגענע שולד	168
די אַרבייטער	169
צום אַרבייטער	169
אַ באַרוועסער אינגעלע	172
דערפאַר	174
מאַי געדאַנקען	176
בעגריסונגען	178
מאַכט מיר פּלאַץ	184
ביי די חורבות פון דעלענסי סט.	187
פרוינקעל	190
דער קריעגסצוג	197
דער קוילעטש	199

פערשיעדענע מאָטיוון

דאָס בלימעל	203
די ערשטע בלום	205
הערבסט	207
ווינטער	208
ענטוישונגען	209
אידיש	220
ווי איך זינג	222
אַ טרייסט	223
קינסטלער־ליעד	224
דעם דיכטער'ס דרשה־געשאַנק	226
צו די דיכטערלינגע	228
פייער	229
דזשאָרדזש וואַשינגטאָן	231
אַנטאָניאָ מאַסעאָ	233
פּרינץ הוינריך	236
דריי קרוינען	238

שבועות 240
דאָס ליעד פון די פּאָגראָמען 243
צו די פויגעל 246
ווייכנאַכטס־גלאָקען 247
נאַכט און מאָרגען 248
אַ רגע 249
דער אַלטער בוים 251
פערגעסען 252
אין דער פינסטער 255
קונסט און לעבען 257
דער דיכטער 258

הומאָרעסקען און סאַטירען

אומזיסטע כחות 263
צו די פּורים־שפּיעלער 266
דער עגל 268
בלעטלאך פאַזע וועג 270
געדיינק ! 283
דער טערקישער למנצח 285
„קאַזיאָנסטשינע“ 287
צווינגט מיך ניט 289
דער חזיר און די נאַכטיגאַל 290
צוויי מחותנים 293
מאָנאָלאָג פון אַ סטרייק־ברעכער 298
אַן עצה 301
עפּיגראַמען 303
אַפאָריזמען 313

ליעבע און לעבען

ווידער זינג איך

ווידער זינג איך מיינע ליעדער
נאָך אַ לאַנגען שווייגען;
ווידער קום איך מיינע ברידער
מיין נשמה צייגען: —
פון מיין פרייד און פון מיין קומער
קום איך זיי בעריכטען, —
שטיל פערגאַנגען איז מיין זומער,
ווינטער מוז איך דיכטען!

ווען דאָס לעבען ווערט פערפאַלען
און די לוסט בעגראָבען;
ווען אנשטאט די נאַכטיגאַלען
הערען זיך די ראָבען;
ווען די ווילדע שטורעמס ברומען
און צוברעכען צווייגען;
ווען דער פראָסט מאָלט פאַלשע בלומען, —
אַך, ווי קען מען שווייגען?

ווען דער הימעל איז פערטרויערט
און די זונן בעהאַלטען;
ווען דער ווינטער דויערט, דויערט,
און די קעלטען וואַלטען;

ווען אַ בעזער אומעט טראָגט זיך
דורך נאַטורס רואינען;
ווען ניט ווערענדיג גאָר קלאָגט זיך,
און די טרערען רינען;

ווען אין שנעע אַ'ן איינגעהילטער
שטעהט דער באַרג און שלומערט;
ווען דער וואַלד שטעהט אַ פערקיהלטער,
איינזאַם און פעראומערט;
ווען קיין איינציג זיסער טרילער
לאָזט דעם וואַנד'רער גריסען,
און אין האַרצען ווערט דאס קיהלער
און די אויגען שליסען;

דאַן, אָ, דאַן, אָ, מוז איך זינגען,
דען איך זעה איהם קומען,
דעם געשמאַקען מאַי און ברינגען
פויגעלעך און בלומען. —
דורך דעם ווינטערס טויטען שווייגען
זעה איך דאָך פון ווייטען
ווינקען זיינע גרינע צווייגען
ליעב פון אַלע זייטען.

דאַרום זינג איך מיינע ליעדער
נאָך אַ לאַנגען שווייגען,
דאַרום קום איך מיינע ברידער
מיין נשמה צייגען.

פון מיין פרייד און פון מיין קומער
קום איך זיי בעריכטען: —
שטיל פערגאנגען איז מיין זומער,
ווינטער מוז איך דיכטען!

אמאָל

עס געהט מיר אויף אין מיין זכרון
א בילד פון מיינע יונגע יאָהרען.
עס שוועבט פאַר מיר דער זיסער חלום,
דער טרוים, וואָס איז שוין עליו השלום.

און ווי דאָס קומט מיר אין געדאַנקען
דערזעה איך יענע הימלען בלאַנקען,
און יענע שטערען, יענע זונען,
וואָס האָבען מיר מיין גליק געשפונען.

אָ, זיסער צויבער, בלייב דאָ שטענדיג
און לאָז איהר פאַר מיין בליק לעבענדיג,
די ליעבע, וואָס איז לאַנג געשטאָרבען
נאָך איידער איך האָב זי ערוואָרבען!

אָ, לאָז מיר יענע טייכען פליסען,
וואָס פלעגען כשוף׳דיג מיר גריסען
ווען איך פלעג שטיל ביי זיי׳רע זוימען
פון ליעבע און געליעבט זיין טרוימען!

אָ, ווייז מיר יענע שטונדען וויעדער,
ווען די נאַטור איז ווי א סידור

אָן אָפּענער פאַר מיר געלעגען
צו בעטען גאָט פון איהרעטוועגען!

אָט זעה איך עס, דאָס שענע וועזען
אין וועמעס בליק איך האָב געלעזען
דער ליעבעס סוד, איהר שם המפורש,
דאָס לעבען אין זיין העכסטען פּירוש!

צו דער פּאַסטושקע

שעניקנע מיידעלע,
רייניקנע, עדעלע,
ליעבינקע בלום!
גיב מיר דיין שענינקע
הערצעלע רייניקנע,
נעהם מיך אַרום!

זעהן, זעהט אונז קיינער דאָ,
איך בין נאָר איינער דאָ,
איינער אַצינד —
ריהר דיינע בליהענדע
ליפּעלעך, גליהענדע:
קוש מיך, מיין קינד!

דאָ ביי דעם טייכעלע,
שמעקט דאָס אַ מאכל׳ע,
לאָז דאָ די שאָף!
לאָז דאָ דיין שטעקעלע,
גיעב מיר דאָס בעקעלע,
מאַך שוין אַ סוף!

הייליגקייטס קרוין ביסטו,
הימעלס פארשוין ביסטו,
זיסע פיגור!
ליעב מיך, מיין טייבעלע,
קום, זיי מיין ווייבעלע,
קינד פון נאטור!

אונרוהע

אזוייט איך האָב איהר זים,
איהר ליעב געשטאַלט בעגעגענט
האָב איך מיט יעדע לוסט
אין לעבען זיך געזעגענט.

איך זעה זי אומעטום,
אָט וואו איך זאָל זיך קעהרען,
איהר כשוף יאָגט מיר נאָך,
ווער קען פון איהם זיך וועהרען?

איך רוף די נאַכט צו הילף
מיין וועהטאָג צו פערדעקען,
דאָך זי שוועבט אין מיין טרוים,
איך כאַפּ זיך אויף מיט שרעקען...

איך הויב מיין בליק צו גאָט
און ווייז איהם מיינע טהרערען,
דאָך זי שפּאַצירט דאָרט אום
בעקראַנצט מיט טויזענד שטערען.

אַלמעכטיגער, איך בעט
בעוויז מיר דיין ערבאַרמען:
דו האָסט זי מיר געצייגט
טאָ לאָז מיר זי אומאַרמען!

ליעבע

זיסער האָניג, פרישער טהוי,
זיסער, פרישער, ליעבע פרוי,
איז דיין כשר מיילעלע.
קוש נאָך, קוש אַ ווײלעלע!

וואָס איז יחוס, עהרע, געלד?
נאָר אויף ליעבע שטעהט די וועלט.
אייביגע קדושין,
ליעגען אין די קושען.

ווען איך נעהם אַרום דיין לייב
ווער איך הייליג, טייער ווייב!
אַלץ וואָס אירדיש ווייכט מיר,
און מיין זעעלע לייכט מיר.

מאַך נאָך ניט דערפון קיין סוף,
ניט בעשטראָף מיך מיט דער שטראָף!
דען מיט דיר פערברינגענדיג
קען איך שטאַרבען זינגענדיג.

דו פרעגסט מיך

דו פרעגסט מיך, געליעבטע, און פרעגסט אזוי ווייך,
און בעטסט מיך, אַז איך זאָל דיר זאָגען
פאַרוואָס איך בין אומעטיג, טרויריג און בלייך,
און שלעפּ זיך אַרום ווי דערשלאָגען;

דו פרעגסט, וואָס איך ציה זיך צוריק פון דער וועלט,
און בין מרה־שחורה געוואָרען;
דו פרעגסט מיט רחמנות, מיין קרוין, וואָס מיר פעהלט,
וואָס איך האָב מיין שמחה פערלאָרען;

ניט פרעג דאָס, מיין טייערס, אָ, פאָרש דאָס ניט מעהר,
נאָר לייג מיר דיין אויער צום הערצען
און הער ווי עס שטורמען און רוישען דאָרט שווער
מיין ליעבעס געוואַלדיגע שמערצען!

פריהלינג

עס בליהען אין טויזענד געשטאַלטען די בלומען,
די בוימער פערציערען די גוף׳ן.
דו זעהסט, מיין געליעבטע, דער מאַי איז געקומען
דו הערסט ווי די פויגעלעך רופען?
דו זעהסט ווי עס שפּראָצט און עס גרינט אַ מחיה,
ווי האַרציג די וואַסערלעך ריידען?
עס ווינקט די נאַטור, קום ארויס, מיין געטרייע,
דאָס לעבען ערוואַרטעט אונז ביידען.

אַוועק איז דער ווינטער, שוין אָפען די ריגלען,
דער שטערער דער שנעע איז צוגאַנגען.
עס שוועבט די נשמה מיט נייערע פליעגלען,
דער גייסט הויבט זיך אויף מיט געזאַנגען.
און איבער די פעלדער און איבער די ווידען
צוטראָגען זיך הונדערטע פּראַכטען.
אָ, דאָרטען, מיין חבר׳טע, וועלען מיר ריידען
פון אַלץ, וואָס מיר טרוימען און דאַכטען.

זי...

עס הענגען גאָלדיג־רייך אראָב
די זונענשטראַהלען, דאָך
די לאָקען פון איהר שענעם קאָפּ,
זיי זיינען רייכער נאָך.

די שטערען לייכטען דורך די נאַכט,
דאָך וואו בעזיצען זיי
אַזאַ מין ליכט, אַזאַ מין פּראַכט
ווי איהרע אויגען צוויי?

ווי ווייס און קלאָר איז עלפאַנט ביין,
ווי ווייס איז פרישער שנעע,
דאָך ווייסער זיינען איהרע ציין,
גאָר קיין פערגלייך צו זיי.

מחיה׳דיגע רויזען איהר,
געפאַרבט פון זונענבלוט! —
אָ, איהרע באַקען גליהען מיר
מיט שענ׳רען רויזענגלוט!

קאָראַלען רויט געבראַכט מיט נויט
פון ים, פון וואו איהר שטאַמט,

איהר זייט ווי איהרע ליפּען רויט,
דאָך ניט ווי זיי בע׳טעם׳ט.

עס בלייבט דער שענסטער לשון פּוסט,
פערמעגט קיין ווערטער ניט
צו שילדערען איהר זיסע ברוסט
די פרייד, וואָס דאָרטען גליט.

מלאכים, שווייגט אַ ווייל, איך בעט,
האַלט איין אַ׳ן אויגענבליק!—
הערט איין זיך ווי די ליעבסטע רעדט,
און לעהרענט אייך מוזיק!

אָהן איהר וואָלט דאָ דער מאַי געפעהלט,
די רעגונג און די רוה.
אָ, גאָט, האָב מיטלייד אויף דער וועלט,
נים נעהם די שענהייט צו!

פאר דער חופּה

דיין שענע מינע, דיינע זיסע בליקען,
זיי פלעגען ווי דער מאַי דאָס הארץ ערקוויקען,
דיין קוק נאָר פלעגט ערוועקען לוסט און פריידען
האָסט אויסגעזעהן אַ מלאך פון גן עדן.
ווי פרעכטיג פלעגען דיינע האָר צופאַלען
אַרום דיין ווייסען האַלז, ווי גאָלדנע שטראַהלען!

נו, האָבען זיי דיך שוידערדיג פערביטען:
די לאָקען דיינע זיינען אָבגעשניטען.
דיין קאָפּ איז גלייך אַ קאַהלען באַרג, אַ בלויזען,
אַ בלומענקוסט מיט אָבגעריס'נע רויזען.
א וויצענפעלד ווען איהם פערלאָזט דער שניטער.
איך קוק דיך אָן, עס נעהמט מיך דורך אַ ציטער.

אָ, ועמעס בליקען פלעגען ניט פעראירען
אין טיעפען וואַלד, וואָס פלעגט דיין קאָפּ פערציערען,
און וועמעס זעלע פלעגט ניט שטורמען, ברויזען
זיך קלאַמערנדיג אָן דיינע גאָלד'נע קרויזען?
יעצט זעהט דיין הוילער האַלז אוים אַ מצבה,
דיין קאָפּ — ווי איבערצויגען מיט אַ סיבה.

אָ, שענע האָר! אָ, אָבגעסערפטע זאנגען!
ווי זייט איהר טרוימעריש אראָבגעהאנגען
פון קליינעם קאָפּ, ווי יונגע רויזענצוויינגען,
ביי זונענאונטערגאנג און אבענד־שווייגען?
וואָס בלייבט אָהן אייך די פרויענשענהייט איבער?
וואָס בלייבט דעם דיכטער טייערער און ליעבער?

פערליעבט

זייט איך האָב זי אָנגעטראָפען
איז מיין וואכען און מיין שלאָפען,
און מיין שלאָפען, און מיין וואכען
און מיין זינגען, און מיין לאכען
אָבגעמעסערט, אָבגעשניטען,
וועה, ווי האָב איך זיך פערביטען!
ווער עס קוקט מיך אָן,
מוז אַ ציטער טהאָן.

גוטע שטערעלאך אין הימעל!
איהר, וואָס ווייסט ניט פון קיין דרימעל,
און איהר זעהט מיך שטענדיג טרעטען
קראַנק און בלייך אין הייסען בעטען,
אויף די שטעגעלעך די שטילע,
הערט מיין הערצענס טיעפע תפלה:
זאָגט דאָרט גאָט אליין,
אַז איך ליעב און וויין.

א מלאך

איך האָב דאָס געהערט פון אַ חכם
און האָב אויך פון פרומע פערנומען,
אַז דאָ אויף דער ערד פלעגען קומען
פאַרצייטען פון הימעל מלאכים,

און פלעגען די שטערבליכע בענשען
מיט אַלערליי טייערע ברכות,
און ברינגען זיי גוטע מערכות,
און אָפט זיך פערליעבען אין מענשען.

איך וואָלט ניט געגלויבט דאָס פאַר קרוינען
געשטעה איך פאַר אַלעמען אָפען—
ווען איך וואָלט דאָ דיך ניט געטראָפען
צווישען אונז, די פערגייענגליכע, וואוינען.

יעצט גלויב איך די מעשה'לעך שענע
פון הימלישע קינדער אויף דר'ערד דאָ,
דאָך איז פון זיי אַלע ניט מעהר דאָ
געבליעבען, מיין קרוין, ווי דו איינע.

און איינע ביסטו דאָ געבליעבען
אום מיך, אָ, מיין מלאך, צו בענשען,
מיך איינציגען מענש פון די מענשען
מיט הימעלשע ליעבע צו ליעבען.

חרטה

דאָס איז א לבנה־נאַכט אומעטיג, שטיל.
איך וואַנדעל אַרום ווי אַ שאָטען.
איך קלאָג אויף מיין ליעבע, און קלאָג אַזוי פיעל,
דער ווינד כליפּעט צו ווי אויף נאָטען.

און געהענדיג קום איך אַהין אין דער גאַס,
וואו איך האָב די ליעבסטע געטראָפען.
זי זיצט נעבען פענסטער, איהר פּנים איז בלאַס,
די אויגען מיט טרעהרען פערלאָפען.

זי זינגט, און איך האַלט איין דעם אָטהעם און הער:
עס ריהרט מיך איהר יעטווידע נאָטע—
„ווי עלענד בין איך און ווי עלענד איז ער"...
איך הער ווי זי האָט שוין חרטה.

זי האָט שוין חרטה, וואָס זי האָט אומזיסט
פערשטויסען מיין הערץ, מיינע ליידען,
איך פיהל ווי איהר ערגערט, ווי טיעף איהר פערדריסט,
דען דאַרף זי נאָך דייטליכער ריידען?

דאָך ווייעדער בעוועגען זיך שטיל מיינע טריט,
עס ציטערט אין מיר יעדער אבר—
צו שפּעט האָט די נאַרין געזונגען איהר ליעד,
איך טראָג שוין אין בוזים אַ קבר.

קידוש לבנה

עס שוועבט די לבנה, מיין הערץ שוועבט נאָך איהר
אין הימעלס פערקלערטער לאַזורע.
מיר דאַכט, אַז עס שוועבט דאָרט דיין צורה,
געליעבטע, מיר דאַכט, אַז איך שוועב דאָס נאָך דיר.

אַ הייליגע פרומקייט לעבט אויף אין מיר באַלד,
נשמה'דיג, שטאַרק, מיט כונה
מחדש בין איך די לבנה,
די נאַכטיגאַל זאָגט קדיש, „אמן" זאָגט דער וואַלד.

אמת'ע גליקען

איך ווייס ניט ווי די וועלט וועט אויסזעהן שפּעטער,
צו וועלכען ראַנג עס וועט דער מענש איהר ברינגען.
איך ווייס נאָר, אַז דער בוים וועט טראָגען בלעטער,
די בלומען וועלען בליהען, פויגעל — זינגען.

אין הימעל וועלען גלימצערען די שטערען,
דער מאָנד וועט זיך מאַכען די נעכט די טריבע,
און טיעף אין הארץ וועט קיינמאָל זיך פערצעהרען
דער געטליך־ריינער פלאַם פון וואהרע ליעבע.

דאָס אַלץ, מיין זעעלע, אַלץ, וואָס דו קענסט וויסען,
וואָס דו האָסט ליעב, דאָס וועט קיין מאַכט צושטערען.
און וואָס דו קענסט, דאָס אַלץ זאָלסטו געניסען,
דען שענער וועט דאָס לעבען מעהר ניט ווערען.

אין דער נאַטור געפינסטו דיין פערלאַנגען,
און אין דער ליעבע — דיינע גרעסטע פריידען,
דו קענסט דעם העכסטען הימעל נאָר דערלאַנגען
געניסענדיג די הערליכקייט פון ביידען.

פליגעלע און ראָזע

אפליגעלע אויף אַ ראָזע.
וואָס טהוסטו, פליגעלע, דאָרט?
וואָס איז דאָס פאַר אַ העזה?
צו איז דען דאָרט דיין אָרט?

„איך פיהל אין מיר אַ טרייבען,
דאָס מוז אַזוי געשעהן, —
איך וועל דאָ לאַנג ניט בלייבען,
גענים איך וואו איך קען.“

דער געווינשטער טאָג

דער הימעל גרויט, דער מאָרגען שפּאַנט.
די שוואַרצע שאָטענס וויכען,
די טראָפּענס טהוי צורינען
דער העלער טאָג איז נאָה'נט,
דער טאָג איז נאָה'נט.

דער פויגעל וועקט: די זונן געהט אויף.
דעם פאַסטוך'ס דודקע הערט זיך,
די זיסע סטאַדע ריהרט זיך,
דער העלער טאָג איז רייך,
דער טאָג איז רייך.

דאָס פעלד איז גרין, די טייך איז קלאָר,
די פעטע לאָנקעסווינקען,
די גרינע בוימער רוישען,
דער העלער טאָג איז שען,
דער טאָג איז שען.

דער וואַלד קלינגט אָן. דער בלייכער וואָרט:
די שוואַרץ־געברעמטע זעהט זיך,
דער נייַ־בעלעבטער ווינט אַזש:
דער העלער טאָג איז ליעב,
דער טאָג איז ליעב.

אָ, זיי געגריסט, דו ליעבער טאָג!
דו זיסער טאָג, דו שענער
דו לאַנג, אָ, לאַנג בעגעהרטער,
אָ, לאַנג געווינשטער טאָג,
געווינשטער טאָג.

צו א כוואליע

וואו לויפסטו, ווילדע כוואליע,
אויף דיין צוקאָכטען וועג?
עס האָט שוין ניט איין פאַליע
צובראָכען זיך אָן ברעג.

אומזיסט דיין ווילדער טרייבען
מיט אימפּעט און מיט שאַם.
דער ברעג וועט ברעג פערבלייבען,
און ים וועט בלייבען ים.

נאטור און מענש

כי יש לעץ תקוה...
וגבר ימות ויחלש.
(איוב, י"ד).

די וואסערלעך פלוידערען, פויגעלעך זינגען, —
עס שפראָצט און עס גרינט אויפ'ן באַרג און אין טהאָל,
אין גראָזיגע פעלדער די לעמעלאַך שפרינגען, —
אַ נייערעס לעבען לעבט אויף מיט אַ מאָל!

ווי זילבערנע שנירעלאַך ציהען זיך, רינען
אַראָב פון די פעלזען די וואַסערען ריין,
און דרייען זיך, שלענגלען זיך אוים, און געפינען
אַ'ן אָרט, וואו זיי מאַכען אַ טייכעלע קליין.

דער ווילדער, צולאָזענער זשוק מיט זיין זשוזשען,
דער הייז'ריגער גריל, דער בעהאַלטענער קנור,
די פראָש מיט איהר קוואַקען, די ביהן מיט איהר הוזשען,—
אי אונטען אי אויבען, עס לעבט די נאַטור!

די טויזענדע סטרונעס אין הארצען ערוואַכען,
עס שפיעלט זיך, עס זינגט זיך, דאָך זאָגט מיר, איך בעט!
האָב איך שוין אַמאָל ניט בעזונגען די זאַכען,
די זעלביגע זאַכען, אַט די וואָס איהר זעהט?

מיר דאַכט זיך, די זעלביגע טייכלעך און גראָזען!
דער זעלביגער הימעל דער בלויער אַליין!
די זעלביגע בוימער; די זעלביגע ראָזען!
די שענקייטען אַלע, ווי פריהער נאָך, שען!

ווי זיינען מיר נאָהנט און בעפריינדעט די ערטער! —
דאָס זעלביגע בוימעלע נאָך... דער געדאַנק!
פיעל וואַרימע קושען און גאָלדענע ווערטער
האָב איך דאָ געגעבען אַלס ליעבעס געשאַנק!

מיר דאַכט, אַז איך זעה אין די צווייגען נאָך ליעגען
דעם הייליגען סוד, אונזער ליעבעס סעקרעט;
מיר דאַכט, אַז איך קען פון די פויגעל נאָך קריגען
דעם הייליגען וואָרט אין בעגייסט׳רונג גערעדט.

די זעלביגע פויגעל... די זעלביגע בוימער,
די זעלבע בעקאַנטע, דער זעלביגער וועה!
און דאָך בין איך מעהר ניט דער זעלביגער טרוימער,
איך געה אַלץ אוים מעהרער, וואָס מעהר איך דערגעה.

שוין באלד

פ ערגאַנגען איז די שענע צייט
פון גליק און הויכען שטרעבען.
איך בין אַריינגעריטען ווייט
אין ווּיסטענים פון לעבען.

נאָר דערנער זעה איך אָהן אַ צאָהל.
קיין שפּור פון יענע בלומען,
וואָס זייער ריח האָט אַמאָל
מיין יונגע הערץ צונומען.

סכנות, וואו עס פיהרט דער וועג!
ווייס גאָט, וואו ס'וועט מיך ברינגען?
וואו ביסטו זיסער רויזענשטעג
וואו איך פלעג געהן און זינגען?

איך רייט יעטצט טרויעריג אַליין,
געיאָגט ווי פון אַ כשוף.
אָ, וואו פאָרט בלייב איך ענדליך שטעהן?
ווען קום איך צו אַ ישוב?

נאָר חיות יאָגען אָהן אַ שיעור,
אָט וואו איך זאָל זיך ריהרען!
מיין פערד, ער ברעכט אזש אונטער מיר
פאַר שרעקענס גאַלאָפּירען...

אָ, מיעדער פערד! באַלד שטייג איך אָב.
ניט זעהר לאַנג זיך מיהסטו.
ניט לאָז דיך אָב, נאָך איין גאַלאָפּ
און ס'ענדיגט זיך די וויסטע...

אליין

איך וואנדעל אליין דורך די איינזאמע נעכט
פון שווארצע חלומות געפאנגען.
איך וויים ניט, איך פיהל ווי דאס הארץ מיינע ברעכט
און טרויעריג זינג איך געזאנגען.

איך זינג פון אבילות און עלענדקייט בלויז.
ניט ווילענדיג רינען די טרערען,
איך זיפץ און איך זינג אבער וואס קומט ארויס?
ווער וויל מיינע וועהטאגען הערען?

עס לייכטען די שטערען, וואס קימערט דאס זיי?
עס פרעגט די לבנה קיין פראגע.
מיין אייגענע הארץ נאר צוגיסט זיך פאר וועה.
איין בורא מעג וויסען מיין לאגע!

דער קאמפף

לאַהרען־לאַנג האָב איך געליטען,
אָהן אַ פּתרון צו מיין לייד.
אין מיין קראַנקער ברוסט געשטריטען
האָבען ערגערנים און פרייד.

שטאַרק האָב איך געזוכט די סבה
פון דעם שיקזאַל'ס משוגעת.
וועה, דאָס איז געווען די ליעבע!
וועה, דאָס איז געווען דער האַס!

בלאַנדזשענדיג האָב איך געוואַנדעלט
אָהן אַן אויסקוק אויף אַ זיעג,
איך האָב גוטס און שלעכטס געהאַנדעלט,
פריעדען בענשענדיג און קריעג.

כ'האָב געקלאַפּט אין אַלע שויבען,
וואו כ'האָב נאָר בעמערקט אַ שיין...
וועה, מיך האָט געקוועלט דער גלויבען!
ווילד געקוועלט דעם צווייפעל'ס פּיין!

אַלט בין איך און גראָה געוואָרען
פון דעם שרעקליכען מיש־מאַש.
אין מיין בוזעם טראָג איך יאָהרען,
טראָג איך פלאַמען, טראָג איך אַש...

דאָך איך קען קיין ענטפער געבען
אויף מיין האַרצענס שווערער נויט.
וועה, מיך קוועלט דאַס אַלטע לעבען!
וועה, מיך קוועלט דער יונגער טויט!

מינוטען

עס קומען סעקונדען, עס קומען מינוטען,
עס קומען אָפט רגע'ס צושוועבען,
וואָס לאַשצען און גלעטען, און ריידען מיט גוטען
און לאָזען אַ ביסעלע לעבען.

אַ ביסעלע לעבען, אַ ביסעלע ליעבען,
עס ווילט זיך אי זינגען, אי לאַכען,
גן עדן־געפיהלען פון שמות געטריבען
אין קלעגליכען הארצען ערוואַכען.

עס שטעהט אויף אַ הייליגער, זיסער פערלאַנגען,
וואָס איז אַ בעטויבטער געלעגען, —
און וועקט די נשמה מיט וויי׳כערע קלאַנגען
און לאָזט איהר קיין קשיות ניט פרעגען.

אין דעם אויגענבליק אָט דעם ליעבען, דעם זיסען,
וואָס קומט דאָ צו־גאַסט אַזוי זעלטען, —
ערוואַכט אַזאַ חשק דעם מענש צו געניסען,
צו כאַפּען אַ טאַנץ מיט די וועלטען.

נאָר פלוצלונג פערשווינד׳ט אָט דער זעלטענער דרימעל,
פערפליהען די גוטע מינוטען.

די ערד בלייבט שוין ווידער אַליין, אָהן אַ הימעל,
דאָס האַרץ פאַנגט אָן ווידער צו בלוטען.

די העלע, די ליכטיגע גייסטער פערשוועבען,
עס קומען די אַלטע „ניט גוטע"...
האַן ווילט זיך, אָ, שרעקליך, ניט ליעבען, ניט לעבען
און אַלץ איז ניט ווערט מעהר קיין פּרוטה.

פאנאראמע

(פראַגמענט.)

מזל טוב.

שווין פאַרביי די לעצטע וועהען,
גאָט צו דאַנק, אַצינד.
ווייזט נאָר, באָבע, מיר מיין קדיש,
לאָזט מיך זעהן מיין קינד!
אָ, איך האָב געגוג געבעטען
אויף מיין ערשטען זוהן.
באָבע, ווייזט מיר מיין פערמעגנען!
גיכער, מאַכט דערפון!
לאָזט דאָס פאַטער־האַרץ זיך פרעהען
מיט זיין ערשטען טרייסט,
דען דאָס דויערט אויך ניט אייביג,
באָבע, ווי איהר ווייסט!

ערציהונג.

לעבט נאָר, קינדער, שען און אַרטיג,
כ'ליעב אייך אַלע גלייך, —
שפּעטער וועט אַ רבי קומען
און פערהערען אייך...

קורץ איז אונזער לעבען, קינדער,
מיר פערגעהען גיך.
אחדות וועט אייך גליקליך מאַכען,
ליעבט זיך איניגליך.
הערט מיין מוסר, וועט אייך פליסען
פריעדען ווי אַ טייך,
און מען וועט מיך אויך דערמאָהנען,
בענשען צוליעב אייך.

קינדער'ס חתונה.

רופט דעם בעסטען כלי־זמר, קינדער,
רופט אַ מוזיקאַנט!
ער זאָל רייכען לוין בעקומען
לויט נאָך זיין טאַלאַנט.
זאָל ער רייסען פון די סטרונעס
ווילד דעם טיעפסטען קלאַנג,
וועלכער זאָל אין האַרץ מיר בלייבען
ביז מיין לעצטען גאַנג.
אויף די חתונה, די לעצטע,
פון מיין אינגסטען, פריינד!
לאָזט מיך לאַכען, לאָזט מיך וויינען,
ווען קומט נאָך אַ „היינט“?

פערגעסען.

פאַסטיליאָן, גיב נאָך אַ בריעפעל,
נאָך אַ בריעפעל מיר!

זשאַלעוועט איהר מיר דען, קינדער,
נאָך אַ בראָק פּאַפּיער?
פיעל האָב איך דורך אייך צוליטען!
ווער האָט אַ בעגריף?
פּאַסטיליאָן, דו האָסט אַ טעות,
דאָרט מוז זיין אַ בריעף...
אַך, ווי איז מיין האַרץ געבראָכען
אין מיין בוזים טיעף!
און עס איז ניטאָ קיין פלאַסטער:
ניט פאַראַן קיין בריעף!...

יאוש.

ראַש פערדווישען דיינע כוואַליעס,
לעבענס ווילדער באַך,
דאָך עס בלייבען דיינע וואונדען,
וואונדען גאָר אַ סך.
יעדע וועלל׳ דיין מאַכט אַ רושם,
עס פערגעהט אין קאָפּ.
יעדע צרה פּאַטשט אונז טיעפער
צום תהום אַראָב.
יעדע נאַכט, וואָס אונז פערשלעפערט,
רוימט אַ סוד אונז איין:
„מאָרגען רופען נייע וועהען
דיר אין טאָג אַריין.“
און אַזוי, אָ, איילט דאָס לעבען,
איילט דאָס אונבעטראַכט,
ביז עס רוקט זיך אָן פון ערגעץ
שטיל די לעצטע נאַכט.

פאַרהאַנג.

קאַלט די לופט און שוואַרץ דער הימעל,
אָהן אַ ברעקעל שיין.
קיין איין איינציג ליכטעל בלאַנדזשעט
אין מיין הארץ אריין.
נאָר פון ווייטען, דאַכט מיר, הער איך
אַ בעקאַנט געשפּיעל.
אַלטע טענער, אַלטע קלאַנגען,
אַך, אַן אַלט געפיהל...
ער פערקריכט, דער אַלטער שפּיעלער,
ער פערפעהלט דעם ציעל.
שווייג! איך וויל פערגעסען, כלי־זמר,
לאָז מיך שטאַרבען שטיל!

דאָך ער רומפּעלט, רייסט די סטרונעס
מיט אַ ווילדען גוואַלד,
און עס גרינט און בליהט דער אַלטער,
אַלטער צויבער־וואַלד:
אַלע ליעבסטע און געטריי׳סטע
שוועבען אַרום מיר...
לאָזט זיך נאָכאַמאַל אומאַרמען,
שאָטענבילדער איהר!
ניט פערליערט זיך, גאָלד׳נע פויגעל!
וואַרט אַן אויגענבליק,
ביז איך וועל אַריבער שפּאַנען
אַט דעם שוואַרצען בריק!...

נאָר עס טומעלט, מישט און פּרעגעלט
ווי אַ כשוף־כאָר,
עס פערשווינדען יענע בילדער,
נייע קומען גאָר.
פרעמדע, ווייטע, זעהר ווייטע,
זעהר אונבעקאַנט.
וואו, זאָגט, ווילט איהר מיך פערפיהרען ?
אין אַ וואָס'ער לאַנד ?
שווינד'ט, איהר דונקעלע געשטאַלטען !
דאָך זיי בלייבען שטעהן.
נאַט די האַנד ! וואָס קען דאָס העלפען ?
כ'בין סיי ווי אַליין...

שלאַנג און גן עדן

די ערד איז יונג און פעט, און פריש
וױ א גן עדן;
נאַטור האָט רײך געדעקט איהר טיש
מיט טױזענד פרײדען.
עס שפּראָצט, עס װאַקסט, עס בליהט, עס קװעלט
דאָס נײע לעבען,
געענדיגט האָט יעצט גאָט זײן װעלט.
די פױגעל שװעבען,
דורך בלױען עטער מיט געזאַנג
און ליעב, און קװעלען,
און דורך די װאָלקען קומט דער קלאַנג:
„מיר איז געפעלען!"

דאָס לאַנד בעקאָרענט און בעװײצט,
עס איז געראָטהען!
עס רעדט דער איבערפלוס, עס רײצט.
מיט פרוכט בעשאָטען
איז יעדער צװײג, איז יעדער בױם—
די פּירות װינקען.
פערװירקליכט איז דעם בורא׳ס טרױם.
די שטערען בלינקען
און טיעפען, הימעלשען לאַזור

און לאָזען גריסען.
עס רופט מיט ליעבע די נאַטור:
„איהר זאָלט געניסען!“

מיליאָנען סטאַדעס פעטע שאָף
אויף גרינע גראָזען,
און מחנות רינדער אָהן א סוף,
אָהן צאָהל, צולאָזען
פול וואוילטאג שפּרינגען אום,
און פול הנאה,
א ליעבער נחת שוועבט ארום,
אַ גאָט'ס המצאה.
און קיין זאַך מאַנגעלט, קיין זאַך פעהלט,
ס'האָט קיין חסרון.
אַ שענע וועלט, אַ גוטע וועלט,
אויף לאַנגע יאָהרען!

און ווינציג איז דער מענש אויף דר'ערד,
נאָר איין משפּחה.
ער דאַרף קיין ביקס, ער דאַרף קיין שווערד
צו זיין הצלחה.
דען וואָס זיין הארץ נאָר גלוסט, זיין בליק
קען נאָר בעזיעגען,
איז גרייט, איז פאַרטיג צו זיין גליק,
ער קען דאס קריעגען.
אויף בלומען טרעטען זיינע פיס,
אויף פולע זאַנגען,
און אַלץ איז גוט און אַלץ איז זיס,
און פריי פון צוואַנגען.

דאָך אָט די שמחה ווילט ניט לאַנג,
די גליקען שיידען:
עס קריכט אַריין די בעזע שלאַנג
אין דעם גן עדן.
און זעה! עס קומען זאָרג און פּיין,
ס'קומט וועה צושוועבען.
דער שוואַרצער טויט טרעט שנעל אַריין
און מערדערט לעבען.
דער דאָרען שטעכט אויף יעדען טריט,
די רויז ניטאָ מעהר,
און אַלץ וואָס וואַקסט, און אַלץ וואס בליהט
איז פול מיט יאמער.

* * *

צייטען זיינען שוין אַוועק און יאָהרען,
יענע יונגע וועלט איז אַלט געוואָרען,
אונזער ערד פערמעגט ניט מעהר די גבורה
און דער מענש — שוין לאַנג ניט יענע צורה,
אַלץ האָט זיך געענדערט, אַלץ געביטען.
שטערען, וועלטען, מענשען, זאַכען, זיטען,
מאָדעס, שפּראַכען, גלויבענס, פריידען, ליידען.
דאָך די שלאַנג, זי ליעגט נאָך ביים גן־עדן...

דאס לעבען און דער דיכטער

איך האָב אַ מאָל געזעהן דאָס לעבען,
עס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר:
„איך בין געקומען ענדליך געבען
אַ וואַרמען שלום עליכם דיר.

„איך בין געוועזען שטאַרק פערנומען,
קיין צייט געפונען ביז אַצינד—
אפילו שפּעטלאַך אָנגעקומען...
נו, וואָס פערלאַנגסטו? זאָג, געשווינד!

„איך מוז מיך דורך די וועלטען טרייבען
און מוז עס מאַכען קורץ און שאַרף:
איך טאָר אין ערגעץ ניט פערבלייבען
אַ רגע לענגער ווי איך דאַרף.

„און וואָס איך שיינק, דאָס מוז מען האַלטען.
דען צוויי מאָל טהייל איך ניט קיין גליק.
עס קענען ניט דער ערד'ס געוואַלטען
אַראָבברינגען מיך מעהר צוריק.

„נו, קום איך יעצט אויף גיך דיך פרעגען:
וואס איז דיין וואונש און דיין בעגעהר?
וואָס ווילסטו האָבען אַלס פערמעגען?
וואָס זאָל דיר טריקענען די טרער?“

געענדיגט האָט דאָס לעבען ריידען,
איך האָב איהם אָנגעקוקט מיט וועה:
„און איילסטו זיך, דו מוזט זיך שיידען,
טאָ, וואָס־זשע וואַרטסטו נאָך? פערגעה!

„פערגעה! וועך דאַרף דיך איצטער האָבען?
וואָס נוצטו מיר, ווען איך בין גראָה?
מיט וואָס קענסטו מיך איצט דערלאָבען,
ווען איך ערוואַרט מיין לעצטע שעה?

„אויף ליעבע קען איך מעהר ניט האָפען.
מיין יוגענד איז אין האָס פאַרביי.
שוין קומט די נאַכט, באַלד געה איך שלאָפען,
וואָס האָסטו איצטער סיי ווי סיי?

„חלומות“... „ האָב געגוג גע׳חלום׳ט!
גענוג געטרוימט און אָהן אַ צוועק.
מיין שטרעבען איז פער׳עליו השלום׳ט
און מיין פערלאַנגען— לאַנג אַוועק.“

און אָבגערוקט האָט זיך דאָס לעבען,
און צוגערוקט האָט זיך די נאַכט, —
כ׳האָב ניט געזעהן אין גרויען וועבען
די מיענע, וואָס עס האָט געמאַכט.

דער אדלער

ווּאו די ריעזענוואָלקען יאָגען
אויבען, אין דעם העכסטען אָרט,
שוועבט דער קייזער פון די פייגעל,
פליהט דער גרויסער אָדלער דאָרט.

מיט די שטארקע פליעגעל פּאַכט ער
אין דער לופטען און ער פליהט.
עלענדער, אַ חוץ די הימלען
האָט ער קיין חברים ניט.

ווערט ער מיעד פון שווערע רייזען
רוהט ער איינזאַם און אַליין
ביי דעם זוים פון טיעפע וואסערם,
אויף אַ הויכען בארג פון שטיין.

מיט פערראַכטונג קוקט ער אונטען,
שאָקלענדיג זיין שטאָלצען קאָפּ,
אָפּט נאָר, ווען איהם צווינגט דער הונגער,
לאָזט ער זיך מיט וועה אראָב.

פּאָעזיע און ברויט

אָ, זאַי געזונד, דו לאַנד פון מיינע חלומות!
מיך רייסט דאָס רויהע לעבען ווילד אַוועק פון דיר.
דורך פינסטערע מדבריות, שרעקעניס און אימות
אַנטלויפט מיין פינסטרער מזל ווייט, גאַנץ ווייט מיט מיר.

אָ, זאַי געזונד, דו כשוף׳דיגע גייסטער־געגענד,
וואָס איך האָב טויזענד מאָל מיט הערצענס־גלוט בעגריסט!
מיין ליכט צושמעלצט אין מיר: מיין בליק דער כמורנער רעגענט,
איך זעה אַ פּחדים׳דיגע וועלט נאָר, ענג און וויסט.

נאָר ווילדע חיות זעה איך — מענשען זעה איך דאָרטען,
אָהן מיטלייד, אָהן רחמנות אין צוקאָכטען קאַמפּף —
עס רוישט דער בלוט־ים אָהן אַ גרונד, צום שוואַרצען באָרטען
אַריבערוואַרפענדיג דעם הייסען, רויטען דאַמפּף.

איך הער, צום הימעל שטייגען ווילדע ריטשערייען,
איין בריאה רייסט די צווייטע, וועה, איך האַלט ניט אויס!
איך וויל בעפרייען זיי, וויל זיך אַליין בעפרייען,
אונמעגליך, טיעף אין האַרץ דער וועהטאַג נאָר איז גרויס.

מיך שלעפּט אין שטרייט מיט גוואַלד דעם לעבענס בעזער־וויכער,
אין שרעקענס טומעל בייטשט מיך ווילד אַריין די נויט,
קיין אויגענבליק איז מיין, קיין רגע בין איך זיכער,
עס שוועבט דער קבר איבער מיר, די נאכט, דער טויט!

אַ קאָהר פון מתים איז פאַר מיר דעם פויגעל׳ס טרעלען,
וואָס גיסען זיך פון דעם פערצווייגטען, גרינעם בוים,
לויה־טענער קלינגען מיר פון אַלע קעהלען,
און אַלץ אַרום דערשרעקט מיך ווי אַ ווילדער טרוים.

ניטאָ קיין טאָן מיין ביטער לעבען צו פערזיסען,
מיין איינציג גליק: דאָס זינגען, וועה, איז מיר פערשטערט,
אין מיטען שוואונג ווער איך מיט כעס אַראָבגעריסען,
אַ טויטער פאַל איך אויף דער טרערענפולער ערד.

נו, וואס־זשע בלייבט מיר אין דעם טהאל פון יאמער איבער
אָהן דיר, מיין האַרץ, מיין לעבען, אָ, מיין פּאָעזיע!
וואס זעה איך אין די ענגע, קאַלטע מענשען־שטיבער?
וואָס קען איך דאָרט געפינען? וועה, אומזיסטע מיה!

א חוץ פערליימדונג, ניעדערטראַכט, און שמערץ, און צאָרען,
וואס האָט די אַלטע גזלן׳טע, די שלעכטע וועלט?
חוץ פאַלשקייט, האַס און רויב, וואָס ווערען דען געבאָרען
אין דיר, דו לעבעדיגער קבר, מענש׳ס געצעלט?

לעבען

שמח בחור בילדותיך
(קהלת, י״א)

דורך די טיעפע ווילדענים פון לעבען,
אין דער פינסטער וואַנדער איך פערטראַכט.
דיקע, שוואַרצע וואָלקען זעה איך שוועבען
איבער מיר און וואו איך בליק איז נאַכט.

אויסגעלאָשען זיינען אין מיין הימעל
אַלע האָפנונג׳ס שטערען, מעהר נישט דאָרט,
האַלב אונזיכער, פונקט ווי דורך אַ דרימעל,
ווייזט אַ האַנד מיר אָן דעם „גוטען אָרט“.

פאַלשע האַנד, אומזיסט דיין ווייזען דאָרטען:
פוילע האָפנונג, מוטער פון געדולד, —
קברים נאָר פערמאָגט דער „טויטען־גאָרטען“, —
ניין; עס קען נישט צאהלען לעבען׳ס שולד.

איין מאָל בין איך דאָ נאָר צו געניסען,
האָב איך נישט ערהאַלטען מיין געהאַלט,
וועט די קאַלטע גרוב מיר נישט פערזיסען
דאָס, וואָס לעבען האָט אין מיר פערגאַלט.

דיכטער און פילאַנטראָפ

דו ביזט אַ גרויסער תקיף, ביזט אַ מיליאָנער,
אַ ווייט בעוואוסטער און בעריהמטער פילאַנטראָפ,
דו שיינקסט אַוועק, נאַטירליך, וואס דיר פאַלט אַראָב
פון טיש, וואס דיר איז צו פערדייהען שוין צו שווער.
דו האָסט פּאַלאַסטען, דו האָסט דיענסטען, דו האָסט קנעכט,
דו האָסט אַלסדינג, וואָס ביי דער יעצטיגער סיסטעם,
מען דאַרף, אום צו געווינען זיך דעם גרעסטען שם
און האָבען אומעטום די דעה און דאָס רעכט.

ביזט גרויס אין גאַס, ביזט גרויס אין קאַבינעט,
ביזט גרויס אין אַלע צדקה־הייזער, איבעראַל!
דיין חכמה און דיין גוטסקייט, און דיין קאַפּיטאַל,
זיי ווערען אַלע דריי געלויבט פון פריה ביז שפּעט.
אויך מיר איז דאָס בעשערט געווען—דו גרויסער העררר!
פון דיינע גוטסקייט צו געניסען—וועה איז מיר!
און ווערען אַזוי קליין און ניעדעריג ביי דיר,
דו זאָלסט מיך ניט דערזעהן און ניט דערקענען מעהר.

עס פּאַסט דיר ניט צו געבען מיר די האַנד, פּאַרדאָן!
ווי קומט אַן אָרימער פּאָעט צו זיין בעגריסט
פון דיר? דו מוזט דאָך וויזען ווער און וואס דו ביזט,
אַז דו נאַר, דו נאָר ביזט דער גאַנצער אויבען־אָן.

אָ, פינסטערער בעל גאוה, וואָס דו ביזט, אָ, פערד!
דו וועסט פערגעהן מיט דיין פאַר גאָלד געקויפטען ראַנג,
דאָך אייביג לעבען וועט מיין הערליכעס געזאַנג—
איהם וועט ניט צודעקען, ווי דיך, אַ באַרג מיט ערד.

דו האָסט מיין דיכטער־שטאָלץ בעליידיגט, האָסט אין מיר
דעם גאָט געלעסטערט און פערשעמט מיין הויכען אָרט,
דערפאַר פערנעהם אַצינד מיין פייערדיגעס וואָרט,
דו אונפערשעמטער, גאָלדנער גאָר־ניט, פרעכער גביר!

אַ צייט וועט קומען, ווען דיין עהרע, ווי דיין געלד,
יאָ, ווי דיין צדקה וועט בעטראַכט זיין אַלס אַ שאַנד,
דער מענש וועט אויפשטעהן מיט אַ בעסערען פערשטאַנד
און אַנדערש קוקען און פערשטעהן די וועלט.
דאָך דאָס, וואָס איך פערשענק דער ארמער מענשהייט יעצט,
דאָס וועט פערבלייבען אייביג פונקט ווי די נאַטור;
און ווען פון דיר וועט מעהר קיין זכר זיין, קיין שפור,
וועט דיזעס ליעד פערבלייבען הייליג און געשעצט.

מיין זוהן

בײ דעם טויטענבעט פון מיין אײנציגען זוהן װעלכער איז געשטאָרבען נאָך א שװערע אָפּעראַציאָן און איז אָבגעריסען געװאָרען פון דער װעלט צו 15 יאהר.

מיין זוהן, מיין זונן, מיין ליעבער זוהן!
וװי קען דער אונגליק זיין נאָך גרעסער,
ווען איך מוז אָנטרויען דיין זיסען גוף,
דיין יונגעם לעבען צו דעם מעסער?

וװי לאַנג צוריק האָסטו געשיינט,
געבליהט אין לעבענס שענסטע פארבען?
יעצט זעה איך דיך א קראַנקער כרוב,
אונשטערבליך און דאָך מוזטו שטאַרבען!

וואס איז געשעהן מיט דיר, מיין קינד,
דו קווינטעסענס פון מיינע פריידען?
דו העכסטע שעפּפונג אויף דער ערד,
דו זיסע בלום פון מיין גן עדן!

וואָס איז געשעהן? מיין קינד! אָ, נאַכט,
וואָס דעקסטו מיר מיין ליכט אַריבער?
מיין טאָג, מיין זוהן, מיין שענע זונן,
מיין איין־און־איינציגער, מיין ליעבער!

מיין קינד, איך האָב אַ מאָל געמיינט,
אַז איך וועל געהן און דו וועסט בלייבען,
יעצט מוז איך זעהן ווי דו פערגעהסט
אום איך זאָל דיין מצבה שרייבען!

האָב פופצעהן זיסע יאהר געטרוימט,
פערטיעפט זיך אין דיין שענע צורה,
און ענדליך מוז איך זעהן דיין סוף,
און וואַרטען אויף דיין יונגע קבורה.

איך האָב בעוואונדערט גאָט'ס בעשאַף,
מיין קינד, בעטראַכטענדיג דיין מינע.
דיין בליק האָט אויסגעמעקט אין מיר
אין ביט'רע צייטען כעס און שנאה.

דאָך איצטער בין איך פול מיט גאַל,
מיט רייד זאָגאַר אויף דער השגחה,
וואָס האָט צושטערט מיין העכסטע פרייד,
דעם שענסטען צווייג פון מיין משפחה!

מיין קינד

איז דאָס אמת, איז מיין זוהן געשטאָרבען?
ווערט ער מעהר ניט זעהן פון טאָג די שאַין?
וועט דאָס העכסטע, וואס איך האָב ערוואָרבען,
שוין אויף אייביג מעהר ביי מיר ניט זיין?

לידיג שטעהט דער שטוהל, וואו ער פלעגט זיצען,
זיינע קליידער הענגען אויף דער וואַנד,
אַך, ער וועט זיי קיינמאָל מעהר ניט ניצען
אונטער יענעם שטילען בערגיל זאַנד!

אין דעם קבר האָבען זיי פערשאָטען,
צוגעדעקט מיט ערד מיין האָב און גאָר.
איז דאָס גאָט געוועזען, איז דאָס דער שטן,
וואָס האָט אויסגעוואורצעלט מיר א דור?

וואו ביזטו, בן־יחיד מיינער, ליעבער?
וואו ביזטו פערגאַנגען פון מיין שטוב?
זוכען מוז איך דיך יעצט צווישען גריבער,
דאָך נישט דיך געפין איך, נאָר דיין גרוב!

ערד, פערשאָלטען זיינען דיינע פריידען,
דיינע גליקען צאָהלען ניט דעם שטרייט,
ווען מיר מוזען זיך מיט זיי צושיידען
זיך צוגעהן אויף אייביג, אייביג ווייט!

אלע שווייגען

ווינדען פון די ווייטע סטעפּעס,
כוואַליעס פון דעם גרויסען ים,
זאָגט! אויף אייער שטורם־וואַנדער,
האָט איהר ניט בעגעגענט וואו
בלאָנדזשענדיג א יונגען מלאך,
„טאַטע“! שרייענדיג? מיין קינד!
מיין בן יחיד איז פערשוואונדען!
אפשר ווייסט איהר וואו ער איז?

זאָגט! אויף איי׳רע שטראַהלען־וועגען,
הימעל׳ס ליכט׳גע פּילגער איהר,
טרוימער פון די העכסטע ספערען,
שטערען! טרעפט איהר ניט אַ מאָל
כליפּענדיג אַ כרוב אַ בלאָנדען,
זוכענדיג צוריק זיין היים
און אַ קראַנקען טאַטענס ליעבע; —
טרעפט איהר ניט אַ מאָל מיין זוהן?

שנעלער לויפען אום די ווינדען,
האַסטיג רוישט דער ים און בלייך,
מיטליידיג די שטערען קוקען
אויף דער שטומער ערד אַראָב...
ווענד איך זיך צו דעם בית עולם,
דאָרטען שטעהט אַ קאַלטער שטיין,
ערנסט גלאָצט ער מיר אין פּנים,
גלאָצט און שווייגט...

ערד

פערדאַמטע פרעסערקע, אָ, בעזע ערד,
וואָס דיין צורייצטע האַלז שלינגט אַלץ אַריין,
און לאָזט נאָר איבער לעבעדיג די פיין;
וואָס אין דיין גרויסען בויך ווערט אַלץ צושטערט
און נאָר מצבות זאָגען, וואס דו האָסט פערצעהרט;
פערשאָלטען וואָלט איך דיך, אָ, דו מרשעת,
פערפלוכט דיין שטויב מיט וועהטאָג און מיט כעס,
דאָך ווי זאָל איך פערשילטען דיך אַצינד,
אַז אין דיין שוואַרצען בוזים רוהט מיין קינד?
פערשלונגען האָסטו, וועה, דעם זיסען בליק—
אין וועמעס ליכט עס האָט געטהראָנט מיין גליק,
וואס איז יעצט אויך ניט מעהר ווי ערד אַ שטיק.

קינדער ליעבע

א גאַנצע אומה שווימט אין טרערען,
אַ פאָלק פערגעהט אין טייכען בלוט,
און איך מוז פון מיין קינד נאָר קלערען,
פון שטילען קבר, וואו ער רוהט.

איהר מעגט דאָס רופען אייגענליעבע,
איהר מעגט דאָס רופען וואָס איהר ווילט,
דאָך מיינע אויגען בלייבען טריבע,
און מיינע וואונדען ניט געשטילט.

דעם גלות־בראָך, דעם אייביג נייעם,
בעוויין איך מיט אַ ווילד געשריי,
דאָך אויף אַ נעהנטערען בית חיים
איז אויסגעגאָסען גאָר מיין וועה.

די גאַנצע וועלט פערשווינד'ט אין שאַטען,
וואָס איז די מענשהייט מיט איהר נויט
אַנטקעגען חורבן פון אַ טאַטען,
וואָס קלאָגט אויף זיין בן יחיד'ס טויט ?

דריי ליעדער

דיעזע ליעדער זיינען געדיכטעט געוואָרען אין ענגליש פון מיין זעליגען בן יחיד, יוסף ראָזענפעלד, וועמעס יונגען טויט איך בעקלאָג אין דיעזער זאַמלונג. ער האָט די ליעדער געשריעבען אין עלטער פון 10 יאהר.

פריהלינג.

די גראָז איז גרין, די ראָזע בליהט,
און דורך דעם ריינעם עטהער ציהט
דער לאָבונג־זיסער בלומענדופט
און פילט מיט חיות אָן די לופט.

די פויגעל זינגען העל און קלאָר,
די קינדער העלפען צו אין כאָר,
אַלצדינג אַרום איז פראַכט און ציער,
אַ ליעבע צייט פאַר מיר און דיר.

טויזענד בלימעלאַך אין גרינעם וואַלד,
טויזענד פויגעל אין די צווייגען,
טויזענד ליעדעלאַך צוקלינגען באַלד,
ברעכענדיג דעם אומעט'ס שווייגען.

טויזענד קוויטעלאך אין זונען־ליכט,
פליעגעלאך — אין גאָלד געצוואָגען,
טויזענד נחת׳ן אויף זיין געזיכט
ברינגט דער יונגער מאַי צוטראָגען.

טויזענד ערגערניסען שנעל פאַרביי,
טויזענד תענוג׳ן — אָט דאָס איז מאַי

ו ו י נ ט ע ר.

דער ווינטער, אָט דער בעל הגוף,
ער קומט אונז אויך צוניץ:
ער ברייננט מיט פריילכקייט ארויף
די קינדער אויף דעם גליץ.

אָט וואו אַ טייכעל, דאָרט איז לוסט,
עס טומעלט און עס לעבט!
עס הייבט זיך שטאַרק די יונגע ברוסט,
די פרייד ווערט פריי געשעפט.

דער שליטען מיט די גלעקלאך קלינגט,
און אונטער אונז׳רע קנאַפּעל זינגט
דער טרוק׳נער שנעע, עס פייפט דער ווינד.
זיי מונטער און זיי פרעהלאך, קינד!

עס זינגט, עס פריהרט,
עס מוזיצירט...
די פעלדער זיינען הויל און קאַלט —
דאָך אויף די שויבען וואַקסט דער וואַלד...

„טהענקס-גיווינג-דעי" *)

די קינדער זיצען אין דונקעלן,
אַ שרעק-געשטאַלט ערוואַכט:
דאָס איז אַ מין פערזעהענים
פון קירבים אויסגעמאַכט.

אַ מאוים'דיגער פנים,
דאָך געהט די שרעק פאַרביי.
די קירבים-צורה סטראַשעט,
נאָר ניט דער „קירבים-פאַי".

אַ גרויסען דאַנק דיר, גאָטעניו,
פאַר דיזער גליקס-מינוט!
פאַר פרייהייט און פאַר „קירבים-פאַי",
פאַר אַלעס, וואָס איז גוט!

*) אַ טאָג ווען אַמעריקאַ דאַנקט גאָט פאַר זיינע נסים און גוטסקייטען.

אַ טויטע האַרץ

מיין האַרפּע האָט אַ מאָל געשפּיעלט
און האָט די וועלט פערקלונגען,
מיין גאַנצע זעעלע האָט געפּיהלט,
מיין גאַנצע האַרץ געזונגען.
מיין אויג האָט אַלץ און אַלץ געזעהן,
מיין אויער—אַלץ פערנומען, —
מיין ליעד איז מיט אַ ווילדען ברען
ביי מיר אַרויסגעקומען.
דאָך האָט די צייט מיך אָבגעקיהלט,
איך זינג, די האַרפּע מיינע שפּיעלט,
נאָר ניט דעם זעלבען נגון;
ניטאָ, עס פעהלט דער ערשטער ברען,
איך זוך, איך אַקער און איך קען
איהם מעהר צוריק ניט קריעגען.

וואו ביזטו ערגעץ יונגעם ליעד
געזונגען מיט אַ פייער,
וואָס האָט געשטרעבט, וואָס האָט געגליהט
די וועלט צו מאַכען פרייער?
וואו איז די ברכה, וואו דער פלוך,
וואָס האָט מיין וואונש געשפּונען?
איך זוך מיין ערשטען „איך“ און זוך,
און אוים, ער איז פערררונען.

פערלאָשען איז דער שטאַרקער פלאַם,
בעזיעגט פון ווילדען לעבענס־ים —
ער איז דעם שיקזאַל׳ס קרבן.
יעצט קומט מיין טרויער קאַלט אַראָב,
פון האַרצען ניט, — ער קומט פון קאָפּ,
דאָס האַרץ איז מיר געשטאָרבען.

שטיקלעך שנעע

עס הערט זיך אַ קאָך אין די גאַסען,
עס ליאַרימט, עס רוישט און עס שרייט,
די מענשען! זיי לויפען, זיי איילען,
זיי טומלען, זיי האָבען קיין צייט.
דאָך לאַנגזאַם פערקלעמט און פערזומערט
אַליין געה איך הין און צוריק,
עס העלפט מיר קיין איילען, קיין לויפען,
איך קען ניט דעריאָגען מיין גליק.

איך האָב שוין געפּרובט נאָך איהם לויפען,
מיט שיפען, מיט באַהנען געשווינד,
דאָך עט! ער איז פלינק ווי דער רוח,
ער שוועבט אויף די פליגלען פון ווינד;
ער רייט אויף די זעגלענדע וואָלקען.
צום אייזענבאַהן ריענט איהם דער בליץ.
מיין שטרעבען, מיין ליידען, מיין לעבען,
פערבלייבט נאָר אַ טרויריגער וויץ.

אַוועק איז דער טהייערסטער טהייל פון מיין לעבען,
און וואָס? איך קען אסור א חשבון אייך געבען.
אין חכמה? איך ווייס ניט, אין דומהייט? ס'איז מעגליך,
איין זאַך נאָר איז זיכער — אַוועק איז עס ק'עגליך.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג אין מיין לעבען פערגעהט,
עס האָבען די צרות דעם קאָפּ מיר פערשנעעט.
אַ פראָסט פיהל איך ציהט דורך מיין אָרעמען גוף,
מיך רעגט מעהר קיין פרייד און קיין טרויער ניט אויף.
מיין האַרץ איז אַ חורבה, צובראָכען און פוסט,
דאָרט שפוקט נאָך אָרום נאָר איין איינציגער הוסט.
אָט ליעג איך אַ דאַרער, לעבענדיגער שפּאָן,
און זעה ווי דער אָנהייב פון סוף רוקט זיך אָן.

האָסט ניט מעהר דאָ וואָס צו האָפען
אין דער וויסטער וועלט, אַ סוף!
נאַכט איז איצט, געה לייג זיך שלאָפען,
שלאָף דעם אייביג קאַלטען שלאָף.

האָסט געצויגען שלעכטע קאָרטען,
אין דעם לעבענס ווילדען שפּיעל,
געה, פיעלייכט געווינסטו ד אָ ר ט ע ן —
מאַך דערפון, און רייד ניט פיעל!

סיי ווי סיי בעקלאָגט דיך קיינער,
עלענד ביסטו ווי אַ שטיין,
לייג אַוועק די קראַנקע ביינער! —
נאַר, וואָס העלפט דיר דיין געוויין?

נעהם דיין האָפען און דיין שטרעבען,
נעהם זיי מיט און דעק זיי צו...
האָסט אומזיסט געקעמפפט ביים לעבען —
זעה! זיי זיינען טויט, ווי דו!

דער סך הכל

איך האָב די וועלט אַרומגערייזט,
אַ סך פערריכט, אַ סך געגרייזט,
אַ סך פערדיענט, אַ סך פערשפּיעלט
און יעצט האָב איך דאָס גוט דערפיהלט:
דער מענש איז דום אין זיין געיעג,
דאָס לעבען האָט געצעהלטע טעג—
און וואס ער קריעגט, און וואָס ער ווייס
איז ניט כדאי דעם זוי׳רען שווייס,
די מאַרך און בלוט, וואס ער פערליערט,
דורך פאַלשע גייסטער אַנגעפיהרט.

די ליעבעס־האָניג איז פערגאַלט,
דער יוגענד־טרוים ווערט פּלוצלונג אַלט,
אַ „נאָמען" איז נאָר אַ געשוויר,
וואָס שלאָגט זיך אָב ביי יעדער ריהר.
און וואָס איז כבוד אויב ניט שאַנד?
אַ צדקה פון אַ פרעמדע האַנד!
און וואָס איז בילדונג? מעהר דו ווייסט
אַלץ מעהרער יאוש, קנאַפּער טרייסט,
אַ גוטער פריינד איז אַ „נדן",
דאָך עט, וואו איז ער דאָ פאַראַן?

איך בלייב יעצט רוהיג אויף אַן אָרט,
איך וואַרף אַוועק דעם לעצטען קאָרט
אין קאָרטענשפּיעל פון לעבען, אוים!
צואַזוואָם? וואָם קומט דערפון אַרוים?
וואָם קען מען דאָ געווינען — וואָם?
אין שיקזאַל׳ם עקעלהאַפטען „סטאָם?“
וואָם נוצט דאָם אויפזיין טעג און נעכט
דעם שטרעבענ׳ם שקלאַוו, דעם שאַפענ׳ם קנעכט?—
איך קוק אויף מיין פערלאָר׳נער צייט,
אַ פוסטער טרוים, אַ דומער שטרייט!

די לעצטע נסיעה

א פינסטערע נאַכט און אַ פינסטערעס בילד:
אַ שוואַרצער, געזאַטעלטער פערד.
ער טרייסעלט די גריווע און קוקט אַזוי ווילד
און גראַבט מיט די פיס אין דער ערד.

און קענטיג ער האָט מעהר קיין צייט ניט צו שטעהן,
מיט אונגעדולד וואַרפט ער זיין קאָפּ,
ער הירזשעט, איך זעה, אַז אָט באַלד נעהמט ער געהן
אַ שרעקליכען, ווייטען גאַלאָפּ.

זיין יעדווידער הירזש מאַכט אַ לאָך מיר אין האַרץ,
מיך סקרוכעט זיין יעדווידער ריהר.
אַוועק, דו בעשעפעניס, נאַכטיג און שוואַרץ!
דו שליידערסט אַ טויטקייט אויף מיר.

אַוועק! נאַר וואָס העלפט דאָס? איך הער פון דער ווייט:
„נו, זעץ זיך אַרויף! נו, אַן עק!“
אַדיע, מיינע ליעבסטע, איך האָב מעהר קיין צייט,
דאס רייט איך אויף אייביג אַוועק...

אידישע געזאנגען

אליין מיט גאָט

דאָס איז געווען אין וואַלד בעגינען, ווען דאָס וועטער
איז פריש, עס שמעקען קרייטעכער, געווירצען, בלעטער,
יאַגאָדניקעס, מאַלינעס אונ ימים נייע,
נאָר וואָס ארויסגעשפראָצטע שוואמען, — אַ מחיה!
אַ לויער, זאנפטער ווינטעלע האָט לינד געבלאָזען
דורך די פערטראַכטע בוימער און די יונגע גראָזען
וואָס האָבען דער פערשלאָפּ'נער ערד אין שלאָף געזויגען
און שטיל אין זיך דעם סוד פון „זיין" אריינגעצויגען.
געהערשט האָט איבעראַל אַ זיס און רוהיג שווייגען,
די פויגעלעך נאָר, האַלב־פער'חלומ'ט אין די צווייגען,
זיי האָבען זיך פאַוואָלינקע גענומען ריהרען
און אויסגעשטעלט די העלזעלעך צו מוזיצירען.

און באַלד האָט עס אין מזרח־זייט גענומען גליהען
דער ווייטער ברעג פון הימעל און דער מאָרגען — בליהען,
פערשוואונדען איז די שוואַרצע נאַכט, איהר טול פון סאַזשע,
די זונן איז אָנגעפאָהרען אין איהר עקיפּאַזשע,
אין בינגאַלד, ברענגענדיג מיט זיך אַ פרייד אַ לעבען,
אַ נייע האָפנונגען, אַ יונגעס, פרישעס שטרעבען.
די ערשט־געבאָר'נע שטראַהלען האָבען זיך צולאָזען
אויף די בעלעבטע ערד, אויף די בעטהויטע גראָזען,
און, קושענדיג דעם גרינעם וואַלד, געוועקט פון דרימעל
די האַלב־פערשלאָפּ'נע בוימער. העלער איז דער הימעל
געוואָרען אַלץ און העכער, גלענצענדער און פרייער,
און שען און ליעב האָט זיך צושפּרייט דער טאָג דער נייער.

און באַלד האָט עס געטרילערט העל פון אַלע נעסטער,
אַ יעדער בוים האָט זיך געהערט מיט זיין אָרקעסטער...
די צויבער־טענער האָבען הייס און שטאַרק געדרעגענט
און אָבגע׳טובל׳ט אין געזאַנג די גאַנצע געגענד.
דאָס האָבען זיך פון פויזענדע געגלייזטע קעהלען
אַראָבגעגאָסען אויף דער וועלט די ריינסטע זעעלען,
בעגריסענדיג די ליכט פון טאָג מיט העלע קלאַנגען,
דאָס אויפגעלעבטע לעבען — העדליך מיט געזאַנגען.
דער פולס פון פרישען וואַלד האָט שטאַרק גענומען שלאָגען,
אַ חיות האָט זיך אין דער ריינער לופט געטראָגען, —
דאָס האָבען זיך דער הימעל און די ערד אינאיינעם
פעראייניגט צו אַ גרויסען הלל, צו אַ שענעם.

און שטאַרקער האָט דאָס לעבען זיך גענומען שפירען,
דען אַלץ, וואָס האָט געקענט, האָט זיך גענומען ריהרען.
אַ יעדער, יעדעס אויף זיין אָרט און זיינע דרכים
האָט אָבגעגעבען צו דעם יונגען מאָרגען שבחים.
די בוימער האָבען אָנגעהויבען זיך צו וויעגען;
די בלעטער סוד׳ען זיך; אַלסדינגג, וואָס האָט געשוויעגען,
וואס איז פערמומט געוועזען, האָט זיך גענומען רעגען,
עס האָבען אויפגעאָטהעמט אַלע טויטע שטעגען...
די ביהנען האָבען אָנגעהויבען טומלען, זשומען,
די פליעגען הוזשען און די חיות אַלע ברומען—
נאַטור האָט זיך צולאָזען אויף איהר רייכער לירע,
דער גאַנצער וואַלד האָט אָנגעהויבען זינגען שירה.

און איך, דער מענש, דער אויסערוועהלטעסטער, דער גרעסטער,
דער שעפּפונגס־קרוין, דער וויסענדער, דער העכסטער, בעסטער,
דער קליגסטער אויסער איהם, דער גלאַנץ פון אַט דעם שטערן

דער איינציגער, וואָס האָט געלעכטער דאָ און טרערן,
וואָס האָט דעם גרויסען כח אַלעס צו בעמייסטערן,
זיך הויך ארויפצוהייבען, און זיך צו בעגייסטערן, —
איך בין געשטאַנען שטום, מיט אויסגעשטאַרטע אויגען,
און מיט אַ פולעס האַרץ, אַנטקעגען בלויען בויגען
און האָב געפיהלט, ווי ס׳גיט ניט אונטען אָדער אויבען
אַזאַ מין קראַפט, וואָס זאָל מיר די אמונה רויבען:
„איך פיהל דיך, גרויסער גאָט, בין פול מיט זיסע פריידען,
דו לעבסט אין מיר; איך לעב; איך קען פון דיר ניט שיידען.

צו דיר, מיין גאָט, איז צוגעבונדען מיין נשמה,
אין דיינע וואונדער נאָר געפין איך אַ נחמה.
ווי גרויס ביזטו, מיין קעניג, אָ, דו מיין בעשעפער!
וואָס ווייסט האָם פוסטע האַרץ, וואָס קען דער קאַלטער פעפער?
איך זעה דיך אַלע וועלטען מייסטערען און פיהרען,
די פּרעכטיגסטע נאַטור־קאַפּעליע דיריגירען...
וועקסט אויף די אייביגקייט אין מיר, מיין שענער מייסטער,
מיט דיר בין איך אַ טהייל פון דיינע העכסטע גייסטער,
אַ טהייל פון דער אונענדליכקייט און אימער, אימער
פערבלייבט מיין „איך" מיט דיר אין בונד; און מעג אין טרימער
צופאַלען אַלץ, וואָס „איז", און אַלץ, וואָס דאַרף נאָך ווערען, —
איך בלייב אַליין מיט גאָט, מיך קען קיין מאַכט צושטערען"...

שולמית

(סאָנעט.)

מיט אַ פערשמאַכטער זעעלע בין איך דורכגעגאַנגען
דעם ריינסטען הימעל פון פערשיעד'נע אידעאַלען,
אויף פיעלע בין איך אין מיין האַסט געווען אַ בעלן
דאָך אָרעמס פאָלק, דו האָסט שוין פריהער מיך געפאַנגען.
צו דיר נאָר האָט מיין יעדער אבר זיך געצויגען,
דיין עלענד האָט שוין אין מיין מוטערס מילך געציטערט.
דיין טרוים האָב איך אַלס עופה'לע נאָך איינגעזויגען,
עס איז מיר זים געוועזען זייענדיג פערביטערט.
דיך האָט מיין וויעג שוין אַלס ירושה מיר געגעבען,
דיין זעלטנער שיקזאַל האָט געשטורעמט מיין פאַנטאַזיע,
איך ליעב דיך, זיסע זונענבלום פון אַלטען אַזיע,
וואָס קען אין יעדער קלימאַט בליהען, וואַקסען, לעבען,
איך זעה גע'טובל'ט דיך אין אייביג גאָלדנע שטראַהלען,
שולמית, אידעאַל פון אַלע אידעאַלען.

די האַרפע און דער סידור

כנור היה תלוי למעלה
ממטתו של דוד וכיון שהגיע
חצות לילה רוח צפונית
מנשבת בו והיה מנגן מאליו.
(ברכות, פ׳ ראשון.)

א האַרפע איז שטענדיג צו־קאָפּענס געהאַנגען
ביי׳ם קעניג אין צימער, וואו ער איז געשלאָפען,
און מיטערנאַכט פונקט, ווען דער ווינטעל פון צפון
האָט לינד און פּאַמעלאַך געבלאָזען אַנטגעגען,
האָט יעדווידער סטרונע גענומען זיך רעגען.
די האַרפע איז באַלד אין נגונים צוגאַנגען
און גלייך האָט דער זינגער ערוואַכט פון די קלאַנגען
מיט ליבע צום בעשעפער, מיט זיסע געזאַנגען.

דאָך איצט, אין דעם פינסטערען, ביטערען גלות,
איז שטיל יענע האַרפע. עס שפּיעלט אויף איהר קיינער.
ביי נאַכט נאָר, צו „חצות", ווען עס שטעהט אויף דער וויינער
און קלאַגט זיך פאַנאַנדער, דאַן פאַלען די טרערען
ארויף אויפ׳ן סידור און באַלד לאָזט זיך הערען
אַ ציטערענדע שטימע געמישט מיט יללות:
„אָי, טאַטע, ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג דיינע קללות?
בעניי אונזער לעבען, פערריכט די מזלות!"

אידישער פנקס

(לעזענדיג די אידישע געשיכטע.)

אָ, אידישער פנקס, אָ, אידישעס הערץ!
אָ, אייביגער וועלט־בוך פון שווערע געמיטהער!
איך בלעטער דיך אויף מיט אַ איניגסטען ציטער.
איך לייען און לייען דעם ברענענדען שמערץ
אין דיינע פערבלוטיגטע, שרעקליכע שורות.
רבונו של עולם, פיעל מוטה און פיעל גבורות
פיעל בלוט און פיעל טהרערען
אָט וואו איך זאָל קעהרען
און וואו איך זאָל מישען די הייליגע בלעטער!
דאָס זיינען קיין מענשען ניט, דאָס זיינען געטער,
וואָס האָבען געקענט אַזוי ליידען און שטרייטען
און בלייבען אויף אייביג און אייביגע צייטען.

אָ, אידישער פנקס, אָ, אידישעס רייך!
אָ, גרויסער בית עולם פון אידישע צרות!
אָ, וואו האָט די וועלט נאָך אַזאַ בית הקברות
פון לויטער מאַרטירער? אָ, וואו איז דיר גלייך
אַ בוך אין דער וועלט גאָר? איך לייען און לייטי
די שטילע מצבות פון טויזענדע וועהען
און פרעג זיך פערוואונדערט:
אָ, וועלכער יאהרהונדערט
וועט ענדליך שוין ברינגען אַ שטיקעלע תקומה

מיין עלענדע, שוואכע און ליידענדע אומה?
אָ, ווער וועט אין אידישען פנקס פערשרייבען:
„געענדיגט דער גלות, א סוף פונ׳ם טרייבען?"

אָ, אידישער פנקס, איך עפען דיך אויף
מיט ציטרענדע הענד און שרייב צו נאָך אַ ציילע.
איך בין ווי אַ שאטען פערגענגליך, אַ ווײַלע
נאָר וועט דאָ פערזוימען מיין עלענדער גוף.
דאָך כל זמן עס ברענט נאָך דאָס הייליגע פייער
גיעב איך פון מיין פלאַמענדע זעעלע צושטייער
דיר עטליכע פונקען,
און יאוש בעטרונקען
אַלס איד און אַלס אידישער דיכטער אין גלות
געזויגען מיט בלוט און פערוויעגט מיט יללות
בעהאַלט איך אין דיר פאַר דער נאַכוועלט, אויף שפּעטער,
מיין שמערץ און מיין ליעבע אין אידישע בלעטער.

דער מבול

די לאַנג און ווי ווילד איז דער שרעקליכער מבול!
עס רוישען מיט אימות
די מעכטיגע שטראָמען, עס פּלאַצען די וואָלקען
און פון די תהמות
ערוואַכען מיט גרויל און פערניכטונג, ווי שדים,
די האַסטיגע וועלען;
עס קענען קיין בערג און קיין ריעזיגע טהורעמס
אין וועג זיך זיי שטעלען!

מען זעהט ניט קיין זונן, קיין לבנה, קיין שטערען.
אַ שוואַרצע מהומה
פערשלינגט יעדער שיין, יעדער סימן פון לעבען—
נישטאָ מעהר קיין תקומה!
אַ פלייצענדער כעס און אַ ווילדע נקמה!
רחמנות פערשוואוּמען,
עס רעגנען די פענסטער פון הימעל מיט צאָרען,
א סוף איז געקומען!

און איבער די אָבגרונטען ציטערט די תבה
פון שטורם געטראָגען,
דער טויט זעצט איהר נאָך מיט אַ שוואַרצע פערצווייפלונג,
ער וויל זי דעריאָגען.

ווי גרויס איז דעם וואַסערס געפעהרליכע סטעפּע?
דערבאַרעם זיך, בורא!
עס שווימט דאָרט דיין אָרעמער, עלענדער צדיק
אין פינסטערער מורא.

וואו ביזטו, אָ, טייערע טויב? פון דער ענגשאַפט
ארויס געה געשווינדער!
און זעה אויב עס לייטערט זיך אויבען, דער הימעל,
דער וועטער ווערט לינדער...
אָ, זעה אויב עס גרינט שוין דער שפּיץ פון די בערגער,
בעצאהלט איז דער שאָדען—
און זאָג, ווען וועט רוהען די וואָגלענדע תבה
אויף זיכערען באָדען?...

פאנטאזיע

(פראגמענט)

דאָס איז דער געזאַנג פון די שניטער,
ער טראָגט זיך פון באַרג און פון טהאל,
ער וועקט אין מיר אויף מיין „אַמאָל“,
ער וועקט אין מיין הערצען אַ ציטער.
מיר ווערט אַזוי זיס, אַזוי ביטער,
און איבער מיר יאָמערט אַ קול.

אַ קול וואָס צורייסט די נשמה,
און שניידט מיר אין שטיקער די ברוסט,
וואָס הרג'עט אין מיר יעדע לוסט
און גרייפט אָן מיט שרעק מיין נחמה,
אַט פונקט ווי צו נעהמען נקמה
פאַר זינד, וואָס איז מיר אונבעוואוסט:

„דיין שניטער־ליעד איז אָבגעשניטען,
דיין פעלד איז טויט, דיין סערפ פערראָסט
אַ לעבען האָט עס דיר געקאָסט,
אַ וועלט האָסטו דערביי געליטען.

„דיין גארטען איז אַ נעסט פון שלאַנגען,
דיין ווייַנשטאָק איז פערוויסט און לעער,
דיין חלום שווימט נאָר אין אַ טרער,
דער ווינד מישט איבער דיינע ג׳ואַנגען.

„און וואו דו געהסט נאָר, וואַקסען דערנער
און וואו דו בליקסט נאָר, שרעקט דער שווערד,
אַ פרעמדע, בלוט־דורכזאַפטע ערד
פערטרויסטו דיינע לעצטע קערנער.“

גלות

מען האָט געריבכט די ערד פון אונטער איי׳רע טריט,
די ליכט פון איבער איי׳רע קעפּ גענומען —
איהר וועלקט אָהן צייט, איהר ניט געבליהטע בלומען,
דען וואָס איהר דאַרפט צום לעבען גיט די וועלט אייך ניט.
איהר זעהט דער פויגעל פלאַטערט אין דער לופט.
איהר הערט זיין העלען קול, ער וועקט, ער רופט,
איהר ווילט פון דר׳ערד דערלאַנגען זיך אַ ריס,
נאָר ס׳הייבען זיך ניט איי׳רע מיעדע פיס.

דער פריהלינג לעבט און שטאַרבט, דער זומער געהט פאַרבאַי
געהילט אין גרינס און גלאַנץ, בעקראַנצט מיט זאַנגען,
דאָך אייביג שמאַכטעט איהר מיט אַ פערלאַנגען,
און אייער הערבסט קומט איידער איהר געניסט פון מאַי.
איהר זעהט, דער וואָרים קריכט אויף דר׳ערד אַליין,
ער האָט געמאַכט אַ היים זיך אונטערן שטיין.
איהר ווילט איהם נאָכקריכען, זאָל זיין כאָטש דאָרט,
דאָך בלייבט איהר ווערים, אָבער אָהן אַן אָרט.

פון פינסטערנים צו פינסטערנים געיאָגט, האָט אייך
דער שיקזאָל ענדליך דאָך געבראַכט צו טרייבען,
אויף פרייהייטס באָדען רוהיג צו פערבלייבען,
צו טרינקען פון איהר קוואָל מיט אַלעמען צוגלייך.

איהר זעהט, מען זויפט דעם זיסען גליק מיט לוסט,
מען פאַלט בעטרונקען אויף דער פרייהייטס ברוסט...
איהר זעהט דעם בעכער פון געזוכטען גליק,
דאָך איהר נאָר טרינקט דעם רויש פון דער פאַבריק.

אַ דומפּפּע גרוב איז אייער היים, זי אָטהעמט פעסט,
איהר קומט פון קאַמפּף זיך דאָרטען צו ערהאָלען,
דאָך צווינגט מען אייך אַלץ מעהר דערפאַר צו צאָהלען,
איהר רייסט עס אָב פון קאַרגען ביסען, וואָס איהר עסט.
איהר זעהט די שטיקער לאַנד אַרום, ווי לעער!
גענוג פאַר אַלעמען און נאָך פיעל מעהר,
דאָך איז אַ „גהעטטאָ“ נאָר פאַר אייך געשטעלט,
ווייל דאָרטען לעבט איהר, דאָרט איז אייער וועלט...

קריעת ים סוף

ויאמר ה' אל משה מה תצעק
אלי דבר אל בני ישראל ויסעו.
(שמות, בשלח.)

די וואונדערבאַר דער האָריזאָנט איז געפלאָכטען
פון גלוטרויטע שטראַהלען, פון פלאַמענדע שניר!
עס הענגט די עגיפּטישע זונן ווי געשאָכטען,
עס בלוטיגט דער הימעל־געוועלב אַרום איהר.
עס גיסט זיך דער זון'ס בלוט אין ים־סוף, ער ציטערט.
די וואַסערען קוועלען.
פון תהום קומט אַ שרעקליכעס וואָרט,—
דער ווינד, ווי פער'סמ'ט, לויפט אַרום און געוויטערט.
עס איילען די וועלען,
ווי וועלענדיג לויפען פון דאָרט.

אָ, וואָס איז געשעהן?
פון ווייט איז צו זעהן
אַזוי ווי אַ כמאַרע זיך שפּרייטען!
עס הערט זיך אַ גוואַלד,
עס רוישט ווי אַ וואַלד,
עס קלינגט ווי צובראָכענע קייטען...
אַ מחנה, זי שפּאַנט
אין ברעניגען זאַנד,
זי וויל קיין מינוט ניט פערווייַלען.

אַ מענשליכעס מעער,
עס רוישט אַזוי שווער,
עס ציהט זיך, עס גיסט אויף פיעל מיילען.
דאָך זעהט ווער עס טרעט
פאַראויס? דער פראָפעט!

שדי׳ם בעגלויבטער, געליעבטער.
און הינטער איהם ברעכט
די מאַסע, דער קנעכט,
נאָכגעיאָגט פון די עגיפטער.

„וואָס ליארמסט דו, משה? איצט העלפט קיין געוויין.
בעגייסטער די שקלאַווען, און זאָלען זיי געהן,
ניט לייכט ווערט געבאָרען אַ פרייע נאַציאָן...
נו, זאָלען זיי וואַגען, נו, זאָלען זיי טהאָן!
עס שרעקען די כוואַליעס, עס סטראַשעט דער תהום,
פערלאַנגסט דו די פרייהייט, טאָ וואַרף זיך אין שטראָם...
נור מוטה און פערטרויען, קיין בייז וועט ניט זיין,
אַריין אין די שטורמישע טיעפקייט, אַריין!“
אָ, סוד פון בעפרייאונג, אָ, הייליגע שטים!
דאָס רעדט אלהים.

די ווינדען, זיי ברומען,
די וועלען, זיי שטומען
און גליווערן אין שטיק,
און זינגענדיג געהען
אַהין לייד און אַהן וועהען
די פרייע צום גליק.

די שרעק איז צושטערט
און פעסט איז די ערד,
און גרוים דער נצחון.
עס פליסען געזאַנגען
אין הימלישע קלאַנגען,
דער יאָך איז געבראָכען.
עס זינגען די ספערען,
עס לויכטען די שטערען
און לאַכען, און בענשען.
עס פיהרט די בעפרייטע,
די וועלט די בענייטע
דער גאָט פון די מענשען.

דאָך באַלד ווערט אַלץ שטיל און דער הימעל איז אָפען.
אַ מעכטיגער קול ווערט געהערט:
„עס וועט אייך נאָך טרעפען וואס אייך האָט געטראָפען,
צו גרוים און צו קליין איז די ערד.
איהר האָט נאָך צו וואַנדלען אויף שטורמישע ים'ען,
אויף וואַסערן גאָר אָהן אַ גרונד.
און וועה אייך, ווען איהר וועט ניט וואַנדלען צוזאַמען,
אָ, וועה, ווען איהר ברעכט אייער בונד!
די גאולה וועט קומען, די רעכטע מינוט,
און וואַגען וועט איהר ווי אַצונדער.
פון הינטען דער שונא, פון פאָרענט די פלוט,
און מוטה נאָר וועט ברענגען די וואונדער...
איהר וועט אַזוי לאַנג זיין פערוואָגעלטע שקלאַפען,
ביז איהר וועט מיר ווידער אַ משה בעשאַפען."

פסח

ונודה לך שיר חדש על גאולתנו
ועל פדות נפשנו...
ונאמר לפניו שיר חדשה
הללויה.
(הגדה של פסח.)

מצות בלייכע, רעדער גרינגע
אין דעם שענעם פרייהייטס-וואגען!
ראָלט זיך שנעלער, ברינגט אונז גיכער
אין אַ פרייע היים צוטראָגען!

וואו דער פסח מיט דעם פריהלינג
זאָלען ליעבליך האַרמאָנירען,
וואו די מענשען, ווי די בלומען,
זאָלען אונזער וועלט פערציערען.

דאָרט, אויף לעבענס פרישען בוזים
וועלען מיר די כוסות קלינגען
און אין איינעם מיט די פויגעל
אַ געשמאַקע שירה זינגען.

דאַמאָלס וועט עס זיין אַ פסח!
בערג און טהאָלען וועלען טאַנצען,
אַלע הימלען וועלען ריידען,
אַלע שטערען וועלען גלאַנצען,

אָבער איצטער... רעדער גרינגע
אין דעם שענעם פרייהייטס־וואָגען!
ראָלט זיך שנעלער, ברינגט אונז גיכער,
וואו? אַט הערט, איך וועל אייך זאָגען!

וואו מען לאַבט זיך מיט קיין „מרור“,
וואו עס דאַרף ניט זונדעל פרץ
פרעגען יענע האַרבע קשיות,
וועלכע בלייבען אָהן א תירוץ...

וואו מען ווייס ניט פון „חד גדיה׳ם“
און מען מאַכט קיין רויטע סדרים...
וואו עס מאָהנט ניט מעהר דער קאָדעקס
אַלטע חובות, נייע קברים...

וואו עס דאַרף אַ שוואַכע אומה
מעהר ניט וואַנדלען אין סכנות
אָפּפערענדיג פאַר די חיות
זיינע ליעבסטע פאַר קרבנות.

וואו מען זאָגט דעם „שיר השירים“
מיט אַ הימלישע התמדה,
וואו מען מיינט ניט נאָר די קניידלעך
און מען ליעבט אויך די הגדה...

וואו מען ליעבט... אָ, רעדער גרינגע
אין דעם שענעם פרייהייטס־וואָגען!
ראָלט זיך שנעלער, ברינגט אונז גיכער
אין אַן אייגען היים צוטראָגען!

סוכות

אויף א פרעמדען באָדען, ביי אַ פרעמדען דאַך,
צוגעדעקט פון אויבען בלויז מיט פרעמדע סכך,
אין דעם טיעפען גלות, אין דער גרויסער נויט,
אָנגעשפּאַרט אָן עלענד, אָנגעלעהנט אָן טויט,
שטעהט די שוואַכע סוכה, ציטערענדיג אין ווינד—
דאָרטען געהט זיך פרעהען גאָט'ס געליעבטע קינד.

רונד אַרום איז כמאַרנע, אומעטיג און קאַלט,
רונד אַרום דאָס לעבען איז פערוועלקט און אַלט,
אויסגעדומפּט דער זומער, אָבגעבליהט די וועלט,
פון די פרייע פעלדער — אין אַן ענג געצעלט,
פון אַ רייכען חלום — פוסטקייט אויפ'ן וואהר,
פון אַ ברייטען לעבען — אין א סוכה גאָר!

ווי דאָס איז געקומען, דאכט זיך, אומגעריכט,
דאַך וואָס קען דאָס העלפען? טראָגט אריין די ליכט!
טראָגט אריין די חלה, טראָגט אריין דעם וויין,
לאָמיר מאַכען קדוש און צופריעדען זיין!
זאָל כאָטש זיין א סוכה, כאָטש אַ קורצעם גליק,
ביז מיר קומען ווידער אין דער היים צוריק.

דאס חנוכה ליכטעל

אָדער

דער איד און די אַלטע ציוויליזאַציאָנען

אַלטע זונען, גרויסע זונען,
איהר, וואָס לייכט שוין לאַנג ניט מעהר
ווע׳מעס שיין ס׳איז לאַנג צורונען—
פלאַקערט אויף און קוקט אַהער!

זאָגט! געדיינקט איהר, ווי מיי׳סטעטיש
איהר פלעגט שפּאַנען אין דער הויך,
און ארונטערקוקען שפּעטיש
אויף אַ ליכטעל קליין און בלייך?

שיקען פלעגט איהר איי׳רע שטראַהלען
אומעטום, די ערד בעוועבט.
וואו נאָר אייער ליכט פלעגט פאַלען
האָט אַ לעבען אויפגעלעבט.

איהר פלעגט וואַרמען, איהר פלעגט ברענען,
איהר פלעגט לייכטען, אייער גלאַנץ
פלעגט קיין מאַכט פערדונקלען קענען,
איהר זייט גרוים געוועזן און גאַנץ.

דיכטער האָבען אייך בעזונגען,
העלדען האָבען אייך געדיענט ;
אייער פראַכט האָט דורכגעדרונגען
יעדען גרייז און יעדעס קינד.

דאָך דאָס אַלץ איז מעהר נישטאָ שוין,
ווי אַ טרוים זייט איהר אוועק.
איהר זייט לאַנג שוין, לאַנג פערלאָשען
און פערדעקט מיט נאַכט און שרעק.

אייביג אבער בלייבט דאָס איינע,
אייביג ווי דער פירמאַמענט—
אַט דאָס שוואַכע, בלייכע, קליינע,
דינע ליכטעלע, וואָס ברענט.

משה

עלה אל הר העברים הזה הר
נבו... ומת בהר אשר אתה
עלה... כי מנגד תראה את
הארץ ושמה לא תבוא.
(דברים.)

נו, שטעהסטו אויף דעם העכסטען בארג פון לעבען
און זעהסט פון ווייטען יענעם ליעבען ארט.
דו זעהסט ווי לייכטע רויזענוואלקען וועבען
דעם וואונדערשענעם מארגענהימעל דארט.

דו שטעהסט און זעהסט דעם הייסגעליעבטען געגענד,
עס קלאפט דיר הויך און שטארק דיין העלדענברוסט,—
דו זעהסט דאס לאנד, וואו גליק, וואו ברכה רעגענט,
דאך שטארבסטו אין דער וויסטע מיט דיין לוסט.

עס רייסען דיך מיט וועהטאג די געפיהלען,
דיין אויג פערטיעפט זיך אין דעם ווייטען פראכט,
דו הערסט דעם כאהר פון די לוים שפיעלען,
דו זעהסט דעם טעמפעל, וואו די שכינה וואכט.

דיין רייגער בליק האט ניט גענארט דיין זינען.
ס'איז אמת, וואס דו זעהסט און האסט געזעהן.
דיין פאלק וועט רוה אין יענעם ארט געפינען.
אזוי זאגט גאט, עס וועט, עס מוז געשעהן.

עס מוז געשעהן, דאָך דו וועסט דאָ פערבלייבען,
אין ווילדען מדבר, — זעה, דיר ווייזט אַ האַנד!
אַן אַנדער פּאַסטוך וועט דיין שאָף פערקלייבען
אַהין, אין יענעם אייביג־גרינעם לאַנד.

דאָך כאָטש דו קענסט מיט זיי דאָרט ניט אַריבער,
עס שלאָגט דיין לעצטע שעה, דער וועג איז ווייט,
דאָך בלייבען דיינע זיסע לעהרען איבער
ביז אין דער ווייטסטער, ווייטסטער אייביגקייט.

נו, זאָג דיין „זייט געזונד" צו יענע פּאַלמען,
געזעגען זיך מיט זיי כאָטש פון דער ווייט! —
דאָרט וועט אַ זינגער נאָך אין זיסע פּסאַלמען
פעראייביגען דיך ביז דער יונגסטער צייט.

עס וויינט דיין פּאָלק, ס'וועט מעהר קיין משה קריעגען.
די פרייהייט קלאָגט, — דאָך איז דיין לוין ניט קאַרג,
יאָ, אמת, אין אַ טיעפען טהאָל דאָ וועסטו ליעגען,
דאָך שטאַרבען שטאַרבסטו אויף דעם העכסטען באַרג...

יהודא המכבי

אין הארץ די ליעבע צו זיין בורא,
אין האַנד דעם שווערד, טרעט אויף אין פעלד
זיין פאָלק צו רעטען און זיין תורה—
ירושלים׳ס לעצטער העלד.

געשטיצט אויף גאָט, דעם גאָט פון גבורה,
מאַרשירט ער געגען שונא׳ס מאַכט,
ער קוקט מיט שפּאָט דעם טויט אין צורה
און ציהט מיט זיכערהייט אין שלאַכט.

מיט חוצפּה פון א ווילדען טיגער,
מיט שטאַרקייט פון אַ יונגען לייב,
ערשיינט אין פעלד ער צווישען קריגער,
דערלאַנגט יהודא זיך אַ הייב.

אָט ברומט דער פיינד פון אלע זייטען,
חילות פיעל, ווי זאַמד און ערד,
פון נאָהנטען קומען זיי און ווייטען,
צו פוסען און אויף שטאַרקע פערד.

דאָך שלאָגט דער העלד דורך ווייטע מיילען
זיך דורך און שניידט דעם פיינד צו דר'ערד,
דורך וואָלקענס שטויב און ימים פיילען,
בליצט דורך יהודא'ס שאַרפער שווערד...

גבורים שטוינען פאַר זיין ליאָרעם,
אויף גאַנצע מחנות פאַלט אַ שרעק,
די ליעבע מאַכט דעם האַס איהם וואָרעם
און זיין נקמה האָט קיין פלעק.

נו, ליעגט דער שונא פון די אידען,
און ער, דער פרומער פעכטער, רוהט,
דער קאַמפף איז אוים, דער זיעג ענטשידען,
גערעכענט איז ישראל'ס בלוט...

דער אייביגער פונק

מים רבים לא יכלו לכבות
את האהבה ונהרות לא
ישטפוה.
(שיר השירים, ח'.)

טיעף אין הארץ ביי מיר פערבארגען
גליהט א פונק, איך פיהל עס קוים.
שטענדיג גליהט עס, נאכט און מארגען,
ווען איך וואך און ווען איך טרוים.
אט דער פונק דער קליינער, שטילער,
גליהט אין מיר פון קינדהייט נאך,
קיהלער ווערט ער אליץ און קיהלער,
און ער פינקעלט, פינקעלט דאך.

ווען איך זעה דעם אידען'ס שמערצען,
ווען זיין שונא מאכט א רעש,
צינדט זיך אן דער פונק אין הערצען
און ער פלאקערט אין די אש...
ער פערוואנדעלט זיך אין פלאמען
און ער שרפה'ט און ער ברענט,
און איך פיהל ווי אלע ים'ען
וואלטען לעשען ניט געקענט.

ווערען קלענער זיינע וואונדען,
גיט מען איהם אַ ווײלע רוה, —
ווערט די גרויסע פּלאָם פערשוואונדען
און איך וויים ניט ווי און וואו...
נאָר דער פונק, ער פינקעלט ווידער,
ער פערגעהט ניט מיט דער צייט, —
פונק און פייער... ליעבע ברידער!
זאָגט מיר, וואָס דער סוד בעדייט?

ליל שמורים

אנגלעהנט אָן דער „הסיבה“,
אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער
זיצט דער אַלטער ביי דעם סדר
און זיין הייליג פּנים לייכט.

שטילע זיצען די בני בית
אַרום איהם און מיט אַ ליעבשאַפט
טהיילט ער יעדען צו כזית
„לחמא עניא“ — אָרעם־ברויט.

און ער טהיילט זיי אויך בעגייסטערט
יענעם ביט׳רען שקלאַפען־זכר,
וואָס דערמאָהנט ווי אונז בעמייסטערט
האָט אַ שרעקליכער טיראַן.

וואָס דערמאָהנט גאָר אַלטע וואונדען
און עס רייסט אַראָב דעם פּלאַסטער
וואָס די צייט האָט צוגעבונדען
צו ישראל׳ס קראַנקע הארץ.

יא, ער גיט זיי צו פערזוכען
יענעם גאַל־דורכווייקטען מרור
וואס אַ איד איז שטענדיג מוכן
צו פערשלינגען מיט אַ טרער...

ער דערצעהלט זיי ווי אין גושן
אידען האָבען איינגעוואַנדערט,
און ווי דורך זיין נביא, משה'ן,
גאָט האָט זיי פון יאָך בעפרייט.

ווי דער איד פלעגט ציגעל טראָגען,
קנעטען ליים און פעסטונגם בויען,
ווי די נוגשים פלעגען שלאָגען
אונזער אָרעם, עלענד פאָלק.

ער דערצעהלט זיי ווי געגאַנגען
זיינען אידען דורך דעם ים־סוף
מיט די הערליכסטע געזאַנגען
און דעם הייליגסטען געפיהל.

ליעבע רעדט דורך איהם מיט פייער...
אַך, ווי שלינגען עם די קינדער!
יעדעם וואָרט, ווי זים, ווי טהייער!
און די גוטע מוטער קוועלט.

ענדליך גיסט ער פון די קרוגען
רויט און פול די דריטע כוסות
און ער גיט אַ וואונק אַ קלוגען
צו זיין אינגסטען זוהן און זאָגט:

„עפען אויף די טהיר, מיין שענער!
היינט איז אונז אַ ליל שמורים.
גאָט איז יעצט מיט אונז און קיינער
פון די לצים האָט אַ מאַכט.

„ניט קען שאדען אונז א שלעכטער,
ניט קען אונז א מזיק שאַדען —
פון דעם הימעל קוקט אַ וועכטער
•אויף זיין היים־געליעבטעם פאָלק.

„אום דעם יום־טוב צו פערזיסען
שיקט ער אונז אַ גאַסט אַ ליעבען—
קומט דער מלאך פון די ברית׳ן
אונז צו ברינגען אל־דאָס־גוטס.

„אין די פינסטערע קאַנורעס
קומט ער וואו נאָר אידען וואָהנען
און ער קומט מיט גוטע בשורות
און מיט ברכות אָהן אַ צאָהל...״

און דאָס קינד, ווי ס׳וואָלט ערוואכען
אין זיין בוזים אַ נבואה—
אָנגעהויבען אויפצומאַכען
האָט מיט ציטערנים די טהיר:

אָבער זעהט נאָר, זעהט נאָר, מענשען!
ווער איז דער אין גרויען מאַנטעל?
קומט ער דאָס דעם טיש צו בענשען?
שטרענג און שרעקליך איז זיין בליק.

זעהט זיין שווערט, אָ, זעהט איהם טראָגען
אַ פאַפיער, ווי אַ מגילה...
קומט ער דאָס פאַר אונז זיך שלאָגען,
אונז מגלה זיין דעם קץ?...

וואָס פערענדערט זיך דיין צורה?
אַלטער! זאָג דיין ווייב און קינדער:
וועלכע ברכה, וועלכע בשורה
ברינגט אַהער דער זעלט'נער גאַסט?

זעה! אום יום־טוב נעהמט ער שרייבען!...
און ער וויקעלט אויף און לייענט:
„שנעל, איהר דאַרפט דאָ מעהר ניט בלייבען,
רוסלאַנד איז ניט אייער לאַנד!

רוסלאַנד איז פאַר רוסלאַנד'ס קינדער...
היגע זייט איהר?... איהר זייט אידען!
מאַכט זיך גרייט צום וועג, געשווינדער!
ווילד־פלייש זייט איהר, גיפט און טויט.

אומעטום געפינט איהר גרייזען,
אין דער קירכ', אין דער רעגיערונג,
נאָר מיר וועלען אייך שוין ווייזען,
איהר פערדאַמטער איד'שער מיסט!

„מצות פרעסט איהר, בלוט פון קריסטען,
בלוטיג זיינען איי'רע פינגער,
דאַך איהר וועט ניט מעהר פערוויסטען
אונזער הייליג, קריסטליך לאַנד".

. . . .

נו, וואָס פינסטערט זיך דיין צורה,
אַלטער? זאָג דיין ווייב און קינדער!
אַך, ווי שרעקליך איז די בשורה!
זאָג, וואו וועסטו איצטער גען?

נאָר וואָס העלפען די דבורים
און וואָס העלפט דאָס פרעגעריי?
היינט איז איין מאָל „ליל שמורים",
היינט איז מען פון לצים פריי...

פרינצעסין שבת

פון היינריך היינע.

אין אראביענס בוך פון מעשיות
זעהען מיר פערשאָלט'נע פרינצען,
וועלכע צייטענווייז געווינען
ווידער זייער ערשטען פנים.

דאָס מיט האָר בעוואַקס'נע בריאה
איז א בן מלך געוואָרען,
אָנגעטאָן אין בגדי מלכות,
גלאַנצענדיג אין פראַכט און ליעבע.

דאָך דער כשוף ווערט צורונען
און מיר זעהען פלוצלונג ווידער
זיינע קעניגליכע האָהייט
אין אַ חיה אומגעביטען.

פון אַ פרינץ אַזוי פערשאָלטען
זינגט מיין ליעד, ער הייסט ישראל,
איהם פערוואַנדעלט האָט אַ כשוף
לאַנג צוריק שוין אין אַ הונד.

הונד מיט הינדישע געפּיהלען,
לויפט ער אום די וואָך די גאַנצע
דורך דעם לעבענס קויט און עקעל
צום געשפּעט פון גאַסענױונגען.

אָבער יעדען פרייטאג אבענד
בין השמשות, עפּעס פּלוצלונג
ווייכט דער כשוף און דער הונד
ווערט אַ מענש גאָר פון דאָס נייע.

מענש מיט מענשליכע געפּיהלען,
מיט געהויב'נעם קאָפּ און האַרצען,
יום־טוב'דיג געקליידעט טרעט ער
ווידער אין זיין פאטער'ס פּאַלאַסט.

„זיי געגריסט, געליעבטע וואוינונג
פון מיין קעניגליכען פאטער!
יעקב'ס צעלטען ריין און הייליג,
שענער איכל, זיי געגריסט מיר!"

דורך דער שול געהיימניספול
ציהט אַ שעפּטשען און אַ וועבען,
און דער בעל הבית שטעהט פאַרכטיג
אָטהעמט ציטערענדיג אין שטילקייט.

שטיל! עס הערט זיך נאָר דער שמש,
דער געטרייער טעמפּעל־דיענער,
וועלכער שפּרינגט און איילט זיך אונטער
צו דער צייט די ליכט צו צינדען.

גאָלדנע ליכט פול טרייסט און האָפנונג
ווי זיי גלאַנצען, ווי זיי שיינען!
שטאָלציג פלאַקערט די מנורה
מיט אַ בליאַסק אויף דעם אַלמעמאָר.

פאַר דעם ארון קודש דאָרטען,
וואו די תורה שטעהט פאַרהאַנגען
מיט דעם זיידענעם פרוכת,
וועלכער פינקעלט פון דער ווייטענס—

שטעהט קאָקעטיש ביי דעם עמוד
דער קהלה׳ס שליח ציבור
אויסגעפוצט און אויסגעצוואָגען
שען און גרייט פאַר גאָט צו טרעטען.

אום זיין ווייסע האַנד צו ווייזען
האַלט ער זיך ביים האַלז, גאַר זעלטזאַם
אויף דעם שלייף דעם צייגע־פינגער,
אויף די קעהל דעם „קומץ” דריקענד.

פאַר זיך פאַנגט ער אָן פאַוואָליע,
באַלד פערבלאָנזשעט ער אין „שטייגער”
הויבט ער אויף די שטים און יובעלט:
„לכה דודי לקראת כלה”!

„לכה דודי לקראת כלה—
קום, געליעבטער, עם ערוואַרט דיך
שוין די כלה, זי דעקט אויף דיר,
איהר פערשעמטע שענע צורה!”

אַט דער פײנער האָכצײַטס־הלל
איז געדיכטעט פֿון דעם גרויסען,
ליעבען, אַלטען מיננען־זינגער
פֿון פֿאַרצײַטען, שלמה הלוי.

אין דעם ליעד ווערט הויך בעזונגען
די קדושין פֿון ישראל
מיט דער פֿרוי פּרינצעסין שבת,
וועלכע הײסט די שטילע פֿירסטין.

פּערל און בלום פֿון אַלע שענסטע
איז די פֿירסטין, שענער איז זי
פֿון דער מלכּה שבא אַפֿולע,
שלמה׳ס גרעסטע בוזים־פֿרײַנדין.

די משכלת עטהיאָפּיאַ׳ס,
וועלכע האָט געזוכט דורך חידות
צו פֿערדונקלען דעם „ויחכּם“
און איז ענדליך מיעד געוואָרען.

די פּרינצעסין שבת, וועלכע
איז די רוהה אַליין, פֿעראַבשײט
אַלע חקירות און דעבאַטען,
און זי אַטהעמט פֿריעד און פֿרומקײט.

יענע לײדענשאַפֿט, וואָס היצט זיך,
איז איהר פֿרעמד, און יענער פּאַטהאָס,
וועמעס „אײגנע האָר“ עס פֿלאַטערט
אין דער לופֿטען, איז איהר שעדליך.

צנועה׳דיג בעהאַלט די פירסטין
איהרע צעפּ אין ווייסען קאָפּ־טוך,
בליקט געשמאַק ווי אַ גאַזעלע,
זאַנפט און ליעבליך ווי דער מאָרגען.

זי ערלויבט דעם ליעבסטען אַלעס,
נאָר ניט רויכערען קיין טאַבאַק.
„רויכען, רויכען, מיין געליעבטער,
איז פערבאָטען, היינט איז שבת!

„נאָר דערפאַר וועט היינט צו מיטאַג
געהן אַ פּאַרע. אַלס בעלוינונג
קומט אַ מאכל אמת געטליך,
היינט זאָלסט דו דעם טשאָלענט עסען!"

„טשאָלענט שענע געטער פונקען,
טאָכטער פון עליזעאום!"
וואָלט געקלונגען שילער׳ס הימנע
ווען ער טשאָלענט וואָלט פערזוכט נאָר.

טשאָלענט איז דער הימעלס־מאכל,
וועלכען גאָט אַליין האָט משה׳ן
אויסגעלערנט ווי צו קאָכען
אויף דעם הייליגען באַרג סיני.

וואו געגעבען האָט דער בורא
זיינע צעהן געבאָט, וואו זיינע
געטליכקייט דורך רויך און פלאַמען
האָט ענטפּלעקט זיך מיט מתנות.

טשאַלענט איז דעם אל האמת'
כשרה „אַמבראָזיאַ“:
לחם הפנים פון גן עדן,
און מיט דיעזען שפּייז פערגליכען

איז ניט מעהר ווי טייפעלסקוויט נאַר,
יענער מאכל פון די פאַלשע
געטער גריכענלאַנדס, וואָס זיינען
בלויז געווען מאַסקירטע שדים.

עסט דער פּרינץ אָט די פּאַטראַווע,
שטראַהלט זיין אויג פערקלערט און הייליג
און ער קנעפּעלט אויף די וועסטיל
און ער טענה'ט מיט אַ שמייכעל:

„הער איך ניט דעם ירדן רוישען?
זיינען דאָס ניט יענע ברונימס
אין דעם פּאַלמענטהאָל פון בית אל,
וואו די קעמלען פלעגען רוהען?

„הער איך ניט די סטאַדעס גלעקלאַך?
טרייבט דאָס ניט די פעטע לעמער
זינגענדיג פון גלעד'ס בערגער
שוין דער הירט צוריק פון פאַשע?“

דאָך דער שענער טאָג געהט אונטער,
ווי מיט לאַנגע שאַטענפיס קומט
פּלוצלונג אָן די בעזע, שוואַרצע
כשוף־שעה — עס זיפצט דער פּרינץ.

קאַלטע מכשפה־פינגער
פּיהלט ער נעהמען איהם ביים האַרצען,
שוין דורכצוקט איהם שרעק און שוידער,
נאָך אַ ווייל — ער ווערט אַ הונד!

די פּרינצעסין גיט איהר פּרינץ דעם
גאָלדנעם הדס פול מיט בשמים.
לאַנגזאַם שמעקט ער — וויל זיך לאַבען
נאָך איין מאָל מיט זיסע ריחות.

עס קרעדענצט אויך די פּרינצעסין
באַלד דעם אָבשיעדסטרונק דעם פּרינצען,
האַסטיג טרינקט ער און אין בעכער
נאָר פערבלייבען קאַרגע טראָפּען.

ער בעשפּריצט דערמיט דעם טיש,
נעהמט אין האַנד דאָס וואַקסען ליכטעל,
טונקט דעם פלעמעל אין די נאַסקייט
און דאָס פאַרסקעט און פערלעשט זיך...

ברכי נפשי

אויף, אויף, נשמה מיינע, גאָט צו לויבען!
אָ, גאָט מיין האַר, דו ביזט ערהויבען!
דו ביזט געציערט מיט פּראַכט.
ביזט גרויס. עס איז געמאַכט
פון שטראַהלענליכט דיין קלייד,
ווי אַ דיוואַן פערשפּרייט
דער הימעל און געוועלבט דעריבער
אין וואַסער דיינע אויבער־שטיבער.
דו פאַהרסט. דער וואָלקען איז דיין וואָגען.
אויף פליעגלען פון דעם ווינד
שפּאַציערסטו, און געשווינד,
און גלייך ווערט דיין בעפעהל צוטראָגען.
די ענגעל דייַנע זיינען ווינדען,
די דיענער — פייער פלאַם,
געפעסטיגט איז דער שטאַם
פון דר'ערד אין אָנפאַנג פון איהר גרינדען,
זי זאָל ווי צייט
און אייביגקייט
קיינמאָל ניט שווינדען.

דער תהום ווערט ניט ענטפּלעקט.
ער שווייגט, ער איז פערדעקט
ווי מיט אַ קלייד, ער זאָל זיך ניט פער'מטר'ן,
און אויף די בערגער שטעהען וואַסערן.

פון דיין געשריי
אַנטלויפען זיי,
און פון דיין קול
אין דונער׳ס ראַל, —
צופליהען זיי מיט ווילדען ברומען:
אויף בערגער קלעטערן זיי,
אין טהאָלען שמעטערן זיי
מיט פלינקייט זיך אַראָב
און שטעלען דאָרט זיך אָב,
וואו דו האָסט זיי בעשטימט צו קומען.
דו האָסט פאַר זיי געשטעלט
אַ גרענעץ צו פערוועהרען
די ערד פון חרוב ווערען,
די וועלט זאָל בלייבען וועלט.
שיקסט קוואַלען אונטען
דורך די גרונטען,
זיי ערפילען
דיין ווילען,
זיי געהען דורך די בערג און ווינקען
צו די חיות אויפ׳ן פעלד צו טרינקען,
זייער דורסט צו שטילען.
עס זיצען אויך דערביי
די הימעל־פויגעל, פריי
און ליעב צוגיסט זיך זייער טרילער
דורך די צווייגען,
וועלכע שווייגען
און בעוואונדערען די שפיעלער.
טרינקסט אָן די בערג מיט טוי, מיט קלאָרען,
פון דיינע הויכע קאָרידאָרען.

דיין פולע האַנד
מאַכט רייך דאָס לאַנד
מיט פּרוכט, און גראָז, און ברויט.
אי מענש, אי טהיער
לעבט נאָר פון דיר,
איז נאָר אין דיר פערטרויט.

דער ווײנשטאָק וואַקסט, דו לאָזט איהם גרינען.
דו גיסט איהם אָן מיט וויין:
דער מענש זאָל פריילין זיין,
און גליק, און לוסטיגקייט געפינען.
דיין ברויט קרעפטיגט איהם,
דיין עהל זעפטיגט איהם,
בעגייט זיין קערפּער און זיין זינען.
דער וואַלד איז שטאַרק, ער שמעקט, ער גלאַנצט,
אַ יעדער בוים פול זאַפט,
אַ יעדער צעדער — קראַפט.
איהם האָט די אייביגקייט געפּלאַנצט.
דאָרט קומען פויגעל זיך צוזאַמען,
געפליעגעל פון פערשיעד'נע שטאַמען.
פאַר שטיינבעק זיינען בערגער שפּיצען.
פאַר האָזען — טיעפע פעלזען־ריצען.
דו האָסט פאַר יעדערען געגעבען
אַן אָרט צו האַלטען זיך אָן לעבען.

דו האָסט דעם מאָנד צו צייטען נאָר געמאַכט,
עס וויים די זונן ווען זי וועט אונטערגעהן,

מאַכסט פינסטערניס, און דאָס איז נאַכט:
עס רוישט דער וואַלד, עס קריצען שאַרפע ציין,
די יונגע לייבען ליאַרמען,
זיי בעטען דיר ערבאַרמען,
פערצוקונג פאָדערען זיי, עסען.
זאָלסט זייער הונגער ניט פערגעסען.
קוים גיט די זונן אַ שיין,
דאַן קריכען זיי אַריין
צוריק אַ יעדער אין זיין בעט.
און ס'געהט אַרוים דער מאַן
צום טעגליכען געשפאַן,
און ווירקט ביז אבענד, שאַפט ביז שפעט.

אָ, גאָט, ווי ביזטו גרויס און פול מיט וואונדער!
אָ, וויפיעל גייסט אין יעדער זאַך בעזונדער!
דו ביזט אי מייסטער, אי געביטער.
די ערד איז פול מיט דיינע גיטער.
דער ים, געוואַלדיג אונבעגריפען,
עס לעבען אין זיין שוים
אָהן שיעור
די ברואים קליין און גרויס,
אי פיש, אי טהיער.
דאָרט געהען אום די שיפען.
דו האָסט מיט שפאַס און קראַפט
די וואַל־פישען געשאַפט,
זיי זאָלען דאָרטען שטיפען.

אויף דיר נאָר וואַרטען אַלע גערען,
דו זאָלסט זיי צו דער צייט ערנעהרען.
דו גיבסט, זיי זאַמלען זיך און „האָקען“
אָן דיינע גאָבען,
וועלכע לאָבען.
מאַכסט אויף דיין האַנד, זיי זיינען שוין גענעהרט,
פערבאָרגסט דיין פּנים, ווערען זיי צושראָקען.
נעהמסט זייער אָטה׳ם אוועק,
דאַן ווערט פון זיי אַן עק,
זיי ווערען ערד.
דו טהוסט דיין האָוך אַ שיק,
דאַן לעבען זיי צוריק,
און עס בענייט זיך באַלד
דער ערד׳ס געשטאַלט.
פול פּראַכט און וואונדער איז די וועלט.
פול קראַפט און גלאַנץ,
יא, זי איז גאַנץ.
עס קוועלט דער מענש, און שטוינט, און שרעקט.
די ערד איז פורכטבאַר ווען זי ציטערט,
די בערג — ווען ס׳זעצט פון זיי אַ רויך.
אָ, זינג, נשמה, טרילער הויך!
זאָל רשעות ווערען אויסגעוויטערט,
עס זאָל קיין שלעכטער מעהר ניט זיין,
אין יעדער האַרץ זאָל גאָט אריין...
הללויה!

מתן תורה

למה תרצדון הרים גבנונים.
(תהלים.)

מימינו אש דת למו.
(דברים.)

ריעזענבערג, הערט אויף צו שפרינגען!
ניט אויף אייך וועט רוהען גאָט.
וועד קען דעם בעשעפער צווינגען
וואו צו געבען זיין געבאָט?
זיין דערהייכטער, גוטער ווילען
האָט דעם קליינעם באַרג דעם שטילען,
האָט דעם סיני שוין בעשטעלט.
ריינעם וויסען, אייביג לעבען
וועדט דורך יחוס ניט געגעבען,
ניט אויף גאוה רוהט די וועלט.

זעה! דער מדבר שווימט אין שטראָמען
פייער! טויזענד זונען לייכטען.
וועלט און וועלטען אָטה׳מען וואונדער,
און די אָפּ׳נע הימלען בליאַסקען.

האָרך! די שרפים׳ס זיסע קלאַנגען
ווי צושמאָלצען גינגאָלד פליסען,
מחנות מיט אראלים רוישען
הימנעם פון די העכסטע ספערען.

און אין מיטען ציט'רען שופרות,
פייערדיגע תקיעות צוקען
ווי די בליצען דורך דעם עטהער,
און די סטעפּע זינגט אַנטקעגען.

דאָך מיט ווילדקייט קראַכט דער דונער.
רויך און פלאַמען און פערדאַרבען...
אָט אַזוי קומט אָן דער אמת,
קומט די הייליגקייט אַרונטער...

אויף דעם קלענסטען באַרג, דעם שטילסטען,
קומט דער גרעסטער און בעריהמטסטער,
מיט דאָס גרעסטע און דאָס בעסטע,
צו די קלענסטע און די שטילסטע,
און ער מאַכט זיי שטאַרק און מעכטיג,
זיי, וואָס זיינען קליין און נמאס...

זעה, דו קנעכט־פאָלק, וואָס מען שיינקט דיר!
ענגעל זיינען דיר מקנא, —
דען דו ביזט, כאָטש אין דער וויסטע,
שוין די רייכסטע אומה, — וואויל דיר!
מיט אַזעלכע אוצרות, הייליג,
קדוש, קדוש, גייסט און ליכט.

זעה! די הימלען שטעהען אָפען.
אויפגעריגעלט ביז די גרונטען
איז די ערד, אידעען טרעגער!
האָסט קיין געטער ניט געפונען,

נאָר אַ קול האָסטו פערנומען,
אין די שטימע נאָר איז גאָט...

זיסע וועהען, ליעבע וואונדען,
געטליכע מאַרטירער שמערצען,
רוהען אין דיין זאַנפטען פליעגעל,
אמת, דאָפּעל וואויל דיין טרעגער!
קיהלע פלאַמען, זיסע גאַל...

אין דער וועלט הערשט נאַכט און נאַרהייט,
וואַנדערען איז יעצט דיין פליכט.
פרעדיג פאַר די פעלקער וואַהרהייט!
שיינק זיי פון דיין רייגע ליכט!

פון דער וויסטעניס, פון דאַנען
טראָגסטו דיין פערמעג אַרויס,
און דורך וויסטעס דאַרפסטו שפּאַנען.
אָ, דיין אויפגאַבע איז גרויס!

דו וועסט ריידען צו די היידען,
צו די אומות, דאָך דיין רייד
וועט דיך זעטיגען מיט ליידען,
האַלט דיין פּנים אָנגעגרייט.

קוים האָסטו זיך אָנגעשלאָגען
צו פערבלייבען וואַהרהייט׳ס העלד,
טאָ זיי גרייט דעם קרייץ צו טראָגען,
טראָג די רשעות פון דער וועלט!

היט דיין כבוד, ניט פערשעם עס,
כאָטש מען פייניגט און מען לאַכט!
טראָג מיט שטאָלץ דעם בלאַנקען אמת
דורך די דורות-לאַנגע נאַכט!

שלעכט'ס קען קיינמאָל דיך פערשניידען,
דו וועסט קיינמאָל ניט פערגעהן.
וועסט, מיין פאָלק, נאָר דאַרפעןליידען
ביז די צייט וועט דיך פערשטעהן.

ביז די ערד איז ניט פערשוואומען
פון דיין וויסענס ריינעם פראַכט,
טאָרסטו צו קיין רוה ניט קומען,
איז דיין ארבייט ניט געמאַכט.

האָסט חרטה... מאַכסט יללות!
העלד! דו שרעקסט צו געהן אין שטרייט?
נעהם דיין פאַנצער, מאַרש אין גלות!
וויין ניט! שען איז יענע צייט...

די היסטאָרישע פּעקלאַך

(רעקלאַמאַציאָן.)

אַרעש, אַ געפּילדער, עס קאָכט אין די גאַסען,
עס איילען די מענשען, עס לויפען די מאַסען,
עס הערען זיך זיפצען, עס הערט זיך אַ לאַכען,
מען רעדט און מען פּלוידערט אויף אַלערהאַנד שפּראַכען.
אַט נעהמען זיך רוקען שוין אָרדענונג'ס חיות,
איך פרעג ווי צוטומעלט: „וואָס איז דאָ פאַר נייעס?"

און פרעגענדיג האָב איך דערזעהן נעבאך גרינע,
געקומען פון עפּעס אַ ווייטע מדינה...
מען האָט אויף די עלענדע לייכט געקענט לעזען
אין וואָס פאַר אַ קנעכטשאַפט זיי זיינען געוועזען;
אין וואָס פאַר אַ ווינקעל זיי זיינען געבאָרען
אויף שפּאָט און פערראַכטונג און בלוטיגען צאָרען.

בעטראַכטענדיג איינעם פון זיי און דעם צווייטען
אַנטלאָפענעם טויטען פון נאַכט און פון קייטען,
בעטראַכטענדיג זייערע טאָרבעס און פעקלאַך,
די אָרעמע, שוואַרצע פערלאַטעטע זעקלאַך,
האָט פלוצלונג אַ פראַגע בעשעפטיגט מיין זינען:
„די פעקלאַך, אַ, וואָס קען דאָרט ליעגען דערינען?"

אַ, זאָגט מיר, איהר אַלטע, היסטאָרישע פעקלאַך,
איהר אידישע טאָרבעס, איהר אידישע זעקלאַך,

וואָס ליעגט דאָס פערוויקעלט אין אייערע טיכער?
געוויס ניט קיין רעכטען, אויף דעם בין איך זיכער,
געוויס קיין פּאַפּיערען, אַז וואו איהר וועט קומען
זאָל ווערען דער וועג אייך בעשאָטען מיט בלומען.

אָ, זאָגט מיר, איהר קלומקעס, מיין האַרץ ווערט צוריסען,
וואָס ליעגט דאָס אין אייך בין איך גערען צו וויסען?

און פרעגענדיג, וואונדער! האט ריכטיג ווי טרעפענד
אַ פּעקעלע נעבעך זיין בוזים געעפענט,
אָט פונקט ווי ער וואָלט צו מיר זאָגען מיט שמערצען:
„נאַ, זעה, וואס איך טראָג אין מיין וואונדיגען הערצען!"
און קוקענדיג טרויריג אין שטויב און אין שימעל,
וואָס האָב איך דערזעהן, אָ, אַלמעכטיגער הימעל!

איך האָב אין אַן אַלטע, צוריסענע טיכעל
דערקענט אַ צוריסענעס אַלטינקעס ביכעל:
די טאָוולען פערגאָסען מיט בלוט און מיט טרערען.
איהר קענט אָט דאָס ביכעל, ניטאָ וואס צו קלערען,
דאָס ביכעל, איהר קענט עס, דערויף בין איך זיכער:
דאָס הייליגסטע בוך פון די הייליגסטע ביכער!

מיר האָבען שוין פיעל פאַר דאָס ביכעל געגעבען.
אי פריידען, אי ליידען, אי אוצרות, אי לעבען.
פון וואַנען האָט אונז שוין דער פיינד ניט געטריבען
צוליעב די ברילּיאַנטען אויף פּאַרמעט געשריבען?
מיר האָבען די שמות צוזאַמענגעקליבען.
פערשטויבט און צוטרעטען... זיי זיינען געבליבען!

ניט לויפט נאָך די גרינע, איהר ווילדע נאַראָנים,
ניט מיינט, אַז דאָ פאָהרען אַ באַנדע קבצנים.
דאָס זיינען קיין ווילדע, קיין בעטלער, קיין שנאָרער,
רעספעקט פאַר די אַלטע, די אייביגע פאָהרער!
בעגריסט זיי די זיהן פון דעם איינציגען בורא!
זיי פיהרען דאָס ליכט פון דער וועלט — זייער תורה!

נו, זאָגט, קען מען רופען אַזאַ אומה אָרעם
אַ אומה, וואָס וואַנדערט דורך נאַכט און דורך קברים,
דורך שרעק און דורך טויט, און דורך העלישען פייער
צו רעטען, וואָס איהר איז פערהייליגט און טייער;
וואָס טראַמפעלט אויף מתים און וויים ניט קיין אימות
און שטעלט איין דאָס לעבען פאַר עטליכע שמות?

אַ פאָלק, וועלכעס באַדט זיך נאָר שטענדיג אין טרערען,
וואָס יעדערער שלאָגט דאָס און מאַטערט דאָס גערען;
וואָס וואַנדערט דורך וויסטענים טויזענדע יאהרען
און האָט נאָך ביז יעצט זיין בערוף ניט פערלאָרען;
אַ פאָלק מיט אַזוי פיעל נשמה, דערמאָהנען,
אָ, וואַשט אייך די ליפען, רעספעקט, איהר נאַציאָנען!

איך ליעב זיי, די גרינע, די ביינער־געשטאַלטען,
ביי זיי איז דער אוצר פון לעבען בעהאַלטען.
אין זייערע אָרעמע טאָרבעס די שטומע
געפינט זיך דער סוד פון דער אייביגער אומה—
אין זייערע קלומקעס די וואָגלענדע ליעגען
די כחות פון אמת, וואָס וועלען נאָך זיעגען.

אָ, הייליגע פּעקעלעך, ליעבליכע, שענע,
אין אייך ליעגט מיין פאָהנע, די שטאָלצע, די ריינע,
אין אייך ליעגט דער גייסט פון מיין פאָלק, מיינע ברידער,
דורך אייך וועט מיין אומה נאָך אויפלעבען וויעדער.

מאַטע דבורה׳ס

(א לעגענדע.)

זיצט דער פרומער מאַטע דבורה׳ס
שטאַרק פערטיעפט אין דער גמרא,
איהם איז פרעמד דער יצר הרע,
און ער ווייס ניט פון עבירות.

תורה׳ס אמת נאָר בעגעהרט ער,
און ער פיהלט דעם טעם גן עדן,
גאָט און די מלאכים ריידען
און ער הערט און שלינגט די ווערטער.

פלוצלונג עפענט זיך מיט מורא
אויף די טהיר. איהם ניט צו שטערען,
קומט זיין ווייב די צנועה, הערען
ווי איהר צדיק לערענט תורה.

און זי שטעלט זיך מיט א ציטער
אויף זיין שטילען שוועל פון חדר,
דאָך זי רייסט אויף זיך די קליידער:
„ווען איז מיר געשעהן און ביטער!

„ער איז טויט! ער איז געשטאָרבען!
גאָט, ווער וועט דיך איצטער ליעבען?

ווי איז איצט דיין וועלט געבליעבען?
גיב מיר אַב צוריק דעם קרבן!"

יונג און אַלט פערגיסען טרערען:
„אַך, ווי איז ער אונז פערגאַנגען?
ווי האָט איהם דער טוידט געפאַנגען?"
און די אַלטע נעמט ערקלערען:

„פופציג יאהר איז צייט איך קען איהם,
היט איהם אַב ווי מיין שוואַרץ אַפּעל,
דאָך איך האָב איהם אָהן אַ קאַפּעל
נאָך קיין איינציג מאָל געזעהן איהם.

„אויך אין הארטסטען שלאָף אפילו
פלעקט ער מיט געוואָהנהייטס-כח
רק אַ טאַפּ טהאָן זיך דעם מח,
טאָמער איז עס הויל חלילה.

„קוים האָב איך דערזעהן איהם זיצען
ביי דעם ספר אָהן אַ קאַפּעל,
האָט מיין הארץ דערלאַנגט אַ צאַפּעל,
אַז ער וועט איהר מעהר ניט ניצען."...

מען טאָר ניט

אין גאַס איז א ביטערע קעלט מיט אַ ווינד,
דאָרט שלעפּט זיך אַן אָרעמע פרוי מיט אַ קינד,
עס טרייבט זיי דער וועטער; די צרות נאָך מעהר,
אָ, אפשר וועט פאָרט זיך דערבאַרעמען ווער?

פערשמאַכט און פערפראָרען, פערמאַטערט און מיעד,
די אָרעמע פרעגען: „וואו וואוינט דאָ אַ איד?
אַ איד, וואָס קען פיהלען דעם עלענדענס וועה
און שטילען דעם הונגער פון ליידענדע צוויי?"

„אָ, מאַמע, אָ מאַמע, זאָג פיהלסטו דעם טעם?
דאָס שמעקט אַ געבראָטענס". — „שטוויג שטיל, דאָס איז סם!
קום ווייטער, מיין טרייסט, ניט דערמאָן עס אומזיסט,
דאָ וואוינען דאָך גוים — פערגעסט וואו דו ביזט?"

„אָ, מאַמע, ווי האָב איך דערצו אַפּעטיט!
עס געהט דורך די גליעדער" — „שטוויג שטיל, ביזט אַ איד!
קום ווייטער, מיין קינד, ניט דערצעהל עס מיר,— אוי!
די שטוב איז אַ טרפה, דאָ וואוינט דאָך אַ גוי."

„דער ריח איז מאכל'דיג, מאַמע, איך זאָג:
פערלאַנג נאָר אַ ביסען". — „זיי שטום, דען איך שלאָג!
עס ציהט דיך צו טרפות, אָ, טייוולישע מאַכט!
דיין טאַטע פון קבר דערוועגט דיך ביי נאַכט."

„אָ, מאַמע, אָ, מאַמע, איך חלש! געשווינד!
אַ ברעקעלע בעט נאָר“. — „אוי וועה איז מיר, ווינד!
י, מיר פאַר דיין יעדווידען כשר'ן גליעד;
יין לעבען, פון טרפות מוז שטאַרבען אַ איד.“

* * *

און שטיל איז דאָס קינד. איז זיין ווילען ערפילט?
האָט שרעק, האָט חרטה זיין וואונש איהם געשטילט?
וואָס ווינט מען? וואָס קלייבען זיך מענשען אַהער? —
דער יתום וועט קיינמאָל ניט הונגערען מעהר...

דער ווייַנאַכטס-בוים

עס ליעגט אַ שענער טרוים
אין גרינעם ווייַנאַכטס־בוים:
ער גרינט ווען אַלץ איז טויט.
איך שטעה און קוק איהם אָן
און מוז אַ ציטער טהאָן:
מיר דאַכט, אַז ער איז רויט...

יא, רויט און נאַס פון בלוט.
איך זעה אין איהם די רוט,
וואָס האַקט מיין לייב אומזיסט,
איך זעה אין איהם דעם האַס,
די קנאה און דעם כעס—
די ליעבע פון דעם קריסט.

צום נייעם יאהר

ווי יעדער איז אַ יאהר פערשוואונדען
אונ ער לאָזט נאָר איבער וואונדען,
הייסע טרערען איבעראַל, —
וויעדער איז אַ יאהר פערזונקען,
אַך, ווי האָט ער אָנגעטרונקען
אונז מיט ביטערנים און גאַל!

זינק, דו אַלטער שד, זינק גיכער!
האָסט גענומען אונז אויף זיכער
און געשפּיעלט די פּוילסטע שטיק.
זינק מיט דיינע טויזענד שרעקען!
לאָזט גענוג, עס וועט אונז קלעקען,
זינק און קום ניט מעהר צוריק!

געה צו דיינע ברידער, דאָרטען,
אויף דעם שטומען טויטען־גאָרטען!
געה! זיי האָבען אויך, ווי דו,
נאָר פערביטערט אונזער לעבען,
שאַנד און גלות אונז געגעבען
און קיין האַלבע רגע רוה.

שנאה צווישען די נאַציאָנען,
נויט און דלות די מיליאָנען
האָט איהר אַלע אונז געבראַכט.

וועה אויף וועהען, קלאָג אויף קלאָגען,
שמערץ אויף שמערצען, פלאָג אויף פלאָגען,
שלאַכט אויף שלאַכט, אָ, נאַכט אויף נאַכט!

ווי מיר האָבען לאַנג געליטען
ליידען מיר, דען אומגעביטען
האָט זיך דאָס אין פ אָ ר מ ע נאָר,
נייע יאהרען, נייע צוואַנגען,
ווי די צייטען עס פערלאַנגען,
ווי עס פאָדערט יעדער דור.

דאָך די גלאָק האָט שוין געקלונגען.
זינק דו אַלטער, לאָז דעם יונגען.
אַך, ווי אונשולדיג ער שיינט!
וועלכע זיסקייט אין זיין מינע! —
ניין, ער קומט ניט מיט קיין שנאה.
זעהט! ער שמייכעלט ווי אַ פריינד.

ער וועט זיכער אונז ניט נאַרען,
ער איז יונג און אונערפאַהרען,
נאַקעט קומט ער אין די פרעסט...
טרעט אַריין דו יאהר, דו שענער!
וואָס דו טראָגסט דאָס וויים נאָר איינער,
לאָמיר האָפען אויף דאָס בעסט!

דער רעגענבויגען

את קשתי נתתי בענן והיתה
לאות ברית בני ובין הארץ.
(בראשית.)

שלום, זאגט גאט, שלום צו דער וועלט, ווייל דער מחבל
אין דעם מענש פערבלייבט, איך שווער: איך ברינג ניט מעהר קיין מבול,
דען צו רייניגען די ערד פון ניעדערטראכט און שווינדעל
מוז איך אבמעקען דאס גאנצע מענשליכע געזינדעל;
אלע דארפען זיי פערגעהן, ניט לאזען קיין זכרון,
ווייל דעם מענשענס הארץ איז שלעכט, פערדארבען פון געבארען,
און צוליעב די עולות זיינע וויל איך ניט פערדארבען
אלעם אויף דער ערד, מיין גאנץ בעשאף זאל מוזען שטארבען.—
שלום שלים איך מיט דער וועלט, מיט אלע, וועלכע לעבען,
און א צייכען, אז מיין ווארט איז הייליג, וועל איך געבען:
אין די וואלקען העננ איך אויף מיין פיעל־קאלירטען בויגען,
און דער מענש, ווען ער וועט אויפהייבען צו מיר די אויגען
וועט ער מיין דערבארעמקייט דערזעהן, איך בין געדולדיג.
און בעשטראף ניט פאר די זינד אין וועלכע איך בין שולדיג.

פון דער ארעמער גאס

דער בית-עולם-סאָלאָוויי

צווישען יענע בערגלעך דאָרטען,
אין אַ אומעטיגען טהאָל,
ליעגט אַן אַלטער טויטענגאָרטען
מיט מצבות אָהן א צאָהל.

אַלטע קברים, שטומע שטיינער,
דיק מיט מאָך בעוואַקסען, גרין;
טיעפע שטילקייט, זעלטען איינער
קומט נאָך ווען ניט ווען אַהין.

טויטע ווערבעס, דאַרע בוימער
קוקען טרויעריג אַוועק,—
קאַלטע, אויסגעלאָש'נע טרוימער,
וואָרפען גרויל פון זיך און שרעק.

נאָר פערצווייפעלט גלאַנצט זיין אויגעל
אויף די בערגלעך, מיט אַ וועה,
דער געשמאַקסטער זינגער־פויגעל,
דער בית־עולם־סאָלאָוויי.

זיפצ טרויער־ליעדלעך זינגט ער,
שפרינגענדיג פון סיינק צו סיינק:
פאַר די שטומע פעפער קלינגט ער
מיט אַ געטליכען געליינק.

אך, ווי ציט׳רען זיינע טרעלען
צווישען יענע קברים דאָרט!
דוקא דאָרט איז איהם געפעלען
זינגען, אויף דעם גוטען־אָרט.

ניט פון פריהלינגס זיסען וועטער,
ניט פון ענגעל, ניט פון געטער
זינגט דער עהרליכער פּאָעט;
ניט פון פעלדער, ניט פון טייכען
וואָס געהערען יעצט צום רייכען,—
נאָר פון קברים, וואָס ער זעהט.

עלענד זעהט ער, נויט און שמערצען,
וואונדען טראָגט ער טיעף אין הערצען,
ניט געלינדערט, ניט געשטילט;
אויף דעם גרויסען וועלט־בית־עלמין
קרעכצט ער טרויעריגע פּסאַלמען,
שטימט ער אָן זיין האַרף און שפּיעלט.

אין דער ארעמער גאַס

נגונים פון דער אָרמער גאַס
וויי פול מיט וועה איהר קלינגט מיר!
איך הער אייך און מיין אויג ווערט נאַס,
מיין קאָפּ צומישט, מיין פּנים בלאַס,
מיין האַרץ און לייב צושפּרינגט מיר.
דען ניט פון פרייד און ניט פון גליק
דערצעהלט מיר אייערע מוזיק.

אַ מוטער זינגט איהר קינד אַ ליעד
פון „ראָזענקעס מיט מאַנדלען",
אַליין איז זי פערשוואַכט און מיעד
פון לעבענס פינסטערען יריד
און קען קיין גליקען האַנדלען.
איהר קינד איז קראַנק, איהר מאַן אַוועק,
איך הער איהר ליעד און פיהל אַ שרעק.

דאָרט לויפען קינדער מיט געזאַנג,
זיי ליעגט קיין זאָרג אין זינען.
און דאָך איך וויים, עס נעהמט ניט לאַנג,
פערליערען וועט זיך זייער קלאַנג
אין רויש פון די מאַשינען.
ערקלינגען וועט זיי אין פאַבריק
אַ כאָר פון אַנדערע מוזיק.

דאָרט זאָגט אַ בדחן פײַנע שטיק,
איך קוק אויף די פּערליעבטע:
אָ, בלייכע קינדער פון פאַבריק!
זיי געהען מאָרגען דאָרט צוריק
צושייד׳טע און בעטריעבטע.
דער בדחן שפּאַסט, דער עולם קוועלט,
נאָר איך בעטראַכט אַ שלעכטע וועלט.

דאָרט שטעהט און זינגט זיך ביי זיין פּרעס
אַ שוואַך, פערהונגערט אידעל,
איך קוק איהם אָן און איך פערגעס,
מיר דאַכט איך זעה פאַר מיר אַ מת
וואָס קרעכצט פון גרוב אַ ליעדעל.
דען נאָך אַ טאָג צו נאָך אַ וואָך,
און ער וועט פאַלען דאָ אין יאָך.

* * *

נגונים פון דער אָרמער גאַס,
געזאַנגען פול מיט קלאַגען.
איך הער אייך און ווער פול מיט האַס,
מיין פויסט ערהייבט זיך מיט אַ כעס,
איך וואָלט די וועלט דערשלאַגען.
דען צופיעל שמערץ און צופיעל פיין
איז אין דער גאַס, וואו איך מוז זיין.

די זינדיגע

שלאָף איין, מיין קינד, שלאָף איין, מיין האַרץ,
און זים זאָל זיין דיין רוה!
מיין וועלט איז שווער, מיין וועלט איז שוואַרץ,
מיין ליכט אַליין ביזטו.

איך האָב געהאַט צו ווייניג פרייד,
צו שרעקליך איז מיין בראָך—
איך קען נאָר וועה און קען נאָר לייד,
און לעב אויף צרות דאָך.

דיין טאַטען, קינד, אַ, טויטעם גליק!
דו האָסט איהם ניט געקענט.
ער איז געפאַלען אין פאַבריק
צוריסען פיס און הענד.

אַט גראָד אין יענער שוואַרצער שעה,
אין טרויערנים און נאַכט —
האָט דיך אויף צער און יאָמער דאָ
די עלענדקייט געבראַכט.

געבראַכט, ווער האָט דען אַ בעגריף?
איך שפייז דיך יעצט אַליין,
דורך סודות פיעל פאַר דיר צו טיעף,
דו קענסט זיי ניט פערשטעהן.

דורך סודות, וועה, דורך שווערע זינד,
פערשאָלטען און געמיין—
אָ, ווייס דערפון קיינמאָל, מיין קינד,
אָ, ווייס דערפון ניט — ניין!

שלאָף איין, שלאָף איין, מיין זיסע שיין,
דער וועהטאָג איז צו גרויס—
און ענדיגען זאָל יעדע פיין
אין שאטענס שטילען שויס.

אַט דאָ זאָל פאַלען די געוויכט,
וואָס דריקט מיין גייסט ווי בליי.
שלאָף איין, שלאָף איין, מיין שענע ליכט,
מיר ווערען ביידע פריי...

און דאָרטען, וואו עס קלינגט קיין קרעכץ,
קיין מענשליכעס געשפעט,
דערוויסט דו זיך דיין מאַמע'ס שלעכט'ס
און דו פערגיעבסט איהר חטא.

דיין ריינע זעעלע פיהלט מיך דאָן
און שילט פון גרוב די נויט,
וואָס טרייבט די פרוי צום שאַרלאַטאַן,
צו זינדיגען פאַר ברויט.

די געפאלענע

זי איז אַ פרוי, ווי אַלע פרויען,
די בלום פון מענשליכען געשלעכט, —
דאָך קענסטו אויף איהר האַרץ ניט בויען
און איהרע ליעבשאַפט איז ניט עכט.
אין איהרע קושען פעהלט דער פייער,
און אין איהר לאַכען פעהלט דער גליה,
עס איז קיין זאַך ביי איהר מעהר טייער
און ביליגער פון אַלץ איז ז י...
זי קען קיין ליעבע דיר ניט געבען,
זי קריעגט דאָס אויך ניט פון דער וועלט.
מען קויפט ביי איהר אָפט רעשטלאַך לעבען,
און זי פערקויפט דאָס נאָר פאַר געלד.

און ווי זי איז דערצו געקומען?
דאָס איז קיין שוידערהאַפטער טרוים, —
האָסטו געזעהן פערוועלקטע בלומען?
געפאַל'נע בלעטער פון דעם בוים?
דאָס האָט געטהאָן דער ווינד, דער רעגען,
דער כמאַרנער הימעל בעז און קרום...
ווי קען אַ בלום, וואָס איהר פערמעגען
איז נאָר איהר שמייכעל, איהר פאַרפיום;
ווי קען אַ שוואַכע בלאַט, וואָס פלאַטערט,
זיך בריה'ן געגען שונא'ס כעס?

זי האַלט זיך ביז זי פאַלט פערמאַטערט
אַרונטער אויף דער קאַלטער גאַס...

אַט פונקט אזוי איז זי געפאַלען,
אַזוי האַט זי פערוועלקט אין נויט,
דערפאַר ווען זי געפינט אַ בעלן,
געפינט ער, אַז איהר האַרץ איז טויט.
זי האַט קיין האַרץ און קיין נשמה,
איהר שטים איז לעדיג ווען זי רעדט,
זי איז נאָר אַ פערשאַלט'נע במה,
וואו מען איז מקריב פאַר'ן שד...
דו קענסט מעהר אויף איהר וואָרט ניט טרויען,
דען איהרע אונשולד איז פערשוועכט,
און דאָך איז זי, ווי אַלע פרויען,
די בלום פון מענשליכען געשלעכט...

צו אַ באָרוועסע מיידעלע

עס האָט אי געשנעעט, אי גערעגענט,
און געהענדיג שנעל דורכ'ען גאַס,
אַ מיידעלע האָב איך בעגעגענט,
האַלב נאַקעט און באָרוועס, און נאַס.

זי האָט מיט די נאַקעטע פיסלעך
געפּאַטשט דעם פערגאָסענעם ברוק,
און עפּעס אזוי ווי פערדריסלעך
געשיינט האָט איהר קינדערשער קוק.

קליין מיידעלע, זאָג מיר, וואו געהסטו,
דורך רעגען, דורך שנעע און דורך קעלט?
אָ, זאָג מיר, מיין קינד, כאָטש פערשטעהסטו
ווי איבעריג דו ביזט דער וועלט?

דער וועלט, וועלכע לאָזט דיר דאָ זוכען
אַ לעבען דורך עלענד און לייד,
און וויל דיינע פיס ניט בעשוכען,
ניט האַלטען דיין גוף אין אַ קלייד?

זאָג, זיינען דיר פרעמד די געפיהלען,
דיר פאַלט גאָר ניט איין דער געדאַנק,
אַז ווען דו זאָלסט יעצט זיך פערקיהלען
דאַן פאַלסטו אַוועק און ביזט קראַנק?

אָ, ווער וועט דיך דאמאלס קורירען,
אָ, ווער וועט פאַר דיר עפּעס טהאָן?
די וועלט, וועלכע לאָזט דיך פערפרירען?
דער גאָט, וועלכער קוקט דיך ניט אָן?

ווי ווייט איך פערשטעה איז מסתמא
פון לאַנג שוין און ניט נאָר פון היינט,
די נאַקעטע גאָס נאָר דיין מאַמע,
די שטיינער פון ברוק דיינע פריינד!

דיין צורה די בלייכע, די דאַרע
דערצעהלט מיר פון אַלעס, מיין קינד!
דו ביזט דאָ אַ וואַלוועלע וואַארע,
געיאָגט און געשליידערט פון ווינד!

בעטראַכטענדיג שוין דיך בעלאַדען
מיט וועהטאָג, אויב נאָך ניט מיט כעס,
פערשטעה איך דעם גוואַלדיגען שאָדען
וואָס דיר קען נאָך ברינגען די גאָס...

דיין באָרוועסקייט, קינד, דיינע טרערען,
דיין געהן און ניט וויסען אַ וואו,
דערצעהלען מיר וואָס עס קען ווערען
פון מיידלעך אַזעלכע, ווי דו...

דערפאַר ווערט דאָס הארץ מיר צוריסען,
דערפאַר הייב איך אויף אַ געשריי,
דערפאַר נאָר, יאָ, וואָלט איך דיך קיסען,
דיר העלפען און שטילען דיין וועה.

דערפֿאַר מוז איך וויינען און קלאָגען:
אָ! דאָס קען אויך זיין מיט מיין קינד,
ווען מיך זאָלען צרות דערשלאָגען,
און א י ה ר זאָל פערוואָרפען דער ווינד.

דער בלינדער בעטלער

(דעקלאַמאַציאָן)

אין גרענד סטריט, ניט ווייט דאָרט פון סאָקערשטיינס סטאָר,
זיצט טעגליך אַ בלינדער מיט גרוי־לאַנגע האָר.
גאַנץ טיעף אין זיין פנים האָט, קענטיג, די נויט
דאָס שרעקליכסטע אויסגעקריצט : „שיינקט מיר אויף ברויט".
ער זיצט דאָרט און קרעכצעט פערהונגערט און מיעד,
און שפיעלט אויף זיין פיעדעל איין אונמוטהיג ליעד.

און יעדווידער סטרונע וואָס ער גיט אַ דריק,
און יעדווידער מאָל וואָס ער ציהט מיט'ן סמיק—
דערהערען זיך טענער, געמישט מיט געוויין,
וואָס קענען צונעהמען אַ האַרץ פון אַ שטיין—
דער אָרעמער שפיעלט דאָרט אין ווינד און אין שטויב;
זיין פידעלע קרעכצט ווי אַ וואונדיגע טויב.

אי הערען, אי דאַמען שפּאַציערען דאָרט פיעל,
זיי וויסען גאַנץ גוט וואָס דער עלענדער וויל,
זיי הערען זיין ביטערען זיפץ, זיין געוויין,
און וויסען אַז דאָ טאָר מען בעטלען ניט געהן...
זיי וויסען און האַלטען פערשלאָסען די הענד,
די הענד און די הערצער און גיבען קיין סענט.

אָ, מענשען! — דער בלינדער וואָס זיצט דאָרט אַצינד—
זייט וויסען, איז ניט פון געבאָרענהייט בלינד;

ער האָט, ווי מיר אַלע, די ליכטיגע זונן
געזעהן, און געהאַט אַ מאָל נחת דערפון.
ער האָט אין אַ קוילענגרוב צו לאַנג געשאַפט,
און דאָרטען פערלאָרען זיין שאַין און זיין קראַפט.

אַ וועה! ווער עס האָט נאָר אין דעם אַ בעגריף!
אַהן לופט און אַהן ליכט, אין דער ערד דאָרטען טיעף
צו שאַפען, צו ליידען, צו זיין דאָרטען נאָר,
אַ, דאָרט, וואו דאָס לעבען הענגט נאָר אויף אַ האָר—
דער וויים, דאָס ווען אונז איז דאַ וואַרעם און גוט,
דאַן וואַרמען אונז מענשליכע קנאָכען און בלוט...

ווען העל אייער פייערעל פינקעלט און בליצט,
ווען איינזאַם און וואַרעם אין צימער איהר זיצט,
בעטראַכט איהר ווען, מענשען, אין גליהענדען זשאַר
מיליאָנען געזיכטער צולעכערט און דאַר?
דאָס זיינען בעגראָבענע גרעבער אַ ים;
דאָס שוועבט זייער שאָטען ביי אייך אויף דעם פלאַם.

אַ, פרעסער! ווען בלוטיג איהר בייסט מיט די ציין
די פליישען, געקאָכט מיט די בערג-לייטס געביין,
בעמערקט איהר די פאַרע וואָס שטייגט אין דער לופט?
דאָס איז פון פערשאָטענע גרעבער דער דופט;
דאָס זיינען די אָטהעמס די לעצטע פון די,
וואָס האָבען אין מינעס געאָפפערט אייך מיה.

אין יעדווידער שטיקעלע, פיצעלע קויל,
בעטראַכט איהר אין פייער אַ גליהענדע מויל?

איהר הערט ווי עס זיפצט, ווי עס קרעכצט, ווי עס בעט?
איהר הערט ווי עס ליאַרעמט, עס פילדערט, עס רעדט?
איהר הערט ווי עס גוואַלדעוועט, דונערט און שרייט:
„מיר זיינען פערלאָרען געוואָרען אָהן צייט!“

צו דיעזע פערברענטע דורך בלוטיגער האַנד
געהער אויך דער אַלטינקער גאַס־מוזיקאַנט.
פרובט זוכט אין די קוילען! דאָרט זיינען פאַראַן
די גליהענדע אויגען פון עלענדען מאַן,
אָ, זעהט ווי זיי קוקען אַרוים פון דעם זשאַר
און ווינקען: נאָך ראַכע, נאָך ראַכע דערפאַר!

* * *

אין גרענד סטריט ניט ווייט דאָרט פון סאָקערשטיינס סטאָר
זיצט טעגליך אַ בלינדער מיט גרוי־לאַנגע האָר,
גאַנץ טיעף אין זיין פנים האָט, קענטיג, די נויט
דאָס שרעקליכסטע אויסגעקריצט: „שיינקט מיר אויף ברויט“.
ער זיצט דאָרט און שפיעלט דעם געוואַלדיגסטען שמערץ,
דאָך זעלטען־ווען ריהרט עס איין מענשליכעס הערץ.

די נייע צייט

ווען עס שוועבען וואָלקענס-טרערען,
און אין הימעל שיינט קיין שטערען,
אַלץ איז פינסטער און פערטרויערט,
און דער שוואַרצער עלענד לויערט
אויף די מענשהייט נאָהנט און ווייט;

ווען די וועלט איז פול מיט וויינער,
און פון טויזענד לעבט נאָר איינער,
אום אַ טויזענד צו פערשלינגען—
דאַן, אַ, מוז דער דיכטער זינגען
ליעדער פון אַ נ י י ע צ י י ט.

דאַן ברעכט אוים זיין שטים אין בליצען,
ווערטער דונערן, פונקען שפּריצען—
זיין געזאַנג ווערט אַ געוויטער,
הילכט און ליאַרעמט מיט אַ ציטער:
„הייבט זיך אויף און ווערט בעפרייט!

געהט אַרוים פון דער פאַרפעסטונג!
אחדות איז אַ שטאַרקע פעסטונג,
מוט איז מעכטיגער אַלס וואַפען,
און די מענשהייט דאַרף קיין שקלאַפען—
פרייהייט וויל די נ י י ע צ י י ט!“

און עס שטראָמען אָן די מאַסען
דורך די פעלדער, דורך די גאַסען,
די מיט שטאַרקייט, די מיט וויסען,
גרייט דאָס לעבען צו געניסען,
און צו זעהן די וועלט באַנייט;

פריי און נישט בעהערשט פון קיינעם,
בינדען אַלע זיך אין איינעם,
זעעלען גליהען, הערצער קוועלען,
און עס טרעלט פון אַלע קעהלען,
און עס קומט די נייע צייט.

* * *

אַלזאָ זינג איך אייך מיט פייער:
הייבט זיך, וועמען גליק איז טייער,
וועמען עלענד'ס שוואַרצע פּלאָגען
האָבען נאָך נישט גאַנץ דערשלאָגען
און זיי טויגען נאָך צום שטרייט.

אונזער וועלט איז פול מיט וויינער,
און פון טויזענד לעבט נאָר איינער
אום אַ טויזענד צו פערקנעכטען!
הייבט זיך, הייבט זיך, נעהמט אייך רעכטען,
און בעגריסט די נייע צייט.

מיר זיינען פרייהייטס-סאָלדאַטען

א׳ן ארבייטער מארש.

מיר זיינען סאָלדאַטען אין פרייהייטס־אַרמעע,
אונ שטעהען גאַנץ פעסט אין די רייהען—
מיר קומען בעפרייען די וועלט פון איהר וועה,
די מענשהייט פון קנעכטשאַפט בעפרייען.
בעגייסטערט מיט אמת, בעלאָדען מיט מאַכט,
מאַרשירען מיר געגען האַרמאַטען—
מיר קומען אין זונשיין פערוואַנדלען די נאַכט,
מיר קומען ווי בראַווע סאָלדאַטען.

מיר האָבען דורך דורות געטראָגען די נויט,
און שטיל, און געדולדיג געשוויגען,
עס האָט אונז דער רייכער געמאַטערט צום טויט,
געטרעטען, געריבען ווי פליגען.
נו, קומען מיר זאָגען דעם מעכטיגען „האַלט“
און וואַרפען אַ שרעק אויף דעם זאַטען...
מיר קומען צושטערען די הערשאַפט פון גוואַלד,
און קומען ווי בראַווע סאָלדאַטען.

מיר קומען מיט פעסטע כלי־זין פערזעהן
און רופען זיך מעהר ניט: „די שוואַכע“ —
פאָראויס געהט אונז מאַרקס מיט זיין מעכטיגער פען,
לאַסאַל מיט זיין גוואַלדיגער שפּראַכע,

אונז פעהלען קיין פיהרער, אונז פעהלט קיין געוועהר—
אָ, ציטערט, איהר שטאָלצע מאַגנאַטען!—
מיר קומען פערזאָרגט און בעוואַפענט אַהער,
און קומען ווי בראַווע סאָלדאַטען.

וואָס אַרט אונז אַ שונא! וואָס אַרט אונז אַ שפּיאָן!...
מיר בלייבען דעם אמת נאָך טרייער,
מיר הייבען נאָך העכער די הייליגע פאָהן,
און וואַרפען זיך דרייסטער אין פייער.
ניטאָ אַזאַ מאַכט וואָס זאָל שטערען דעם זיעג
פון אונזערע קרעפטיגע טהאַטען—
מיר ציהען מיט ליעבע אין ברענענדען קריעג,
ווי עהרליכע פרייהייטס־סאָלדאַטען.

העלדען

ווער זאָגט דאָס, אַז די צייט פון העלדען
איז אויס, דער מענש האָט מעהר קיין גבורה
צו קוקען דער געפאַהר אין צורה,
אַז קיינער קומט זיך מעהר ניט מעלדען
פאַר רעכט און מענשליכקייט צו שטרייטען,
ווי גאַר אַ מאָל אין יענע צייטען?

ווער וואָגט עס מיט אַ פרעכען פנים
דער מענשהייטס גרויסקייט צו פערניינען,
מיט לוג און אונזין איהר צו שטיינען,
אויב ניט דער וואהרהייטס בייזע שונאים?
דער מענש איז יעצט ווי ער איז שטענדיג:
מיט גייסט געקרוינט, צום קאַמפף לעבענדיג.

איז ניט אַ העלד, אַ גרויסער זיעגער
דער מענש, וואָס קעמפפט מיט נויט און דלות,
וואָס שווימט אין עלענדס שוואַרצע כוואַלעס
און ווערט קיין לומפ און קיין בעטריגער,
וואָס זוכט צו שאַפען און צו שטרעבען
און פיהרט דעם שטרייט ביז ענדע לעבען?

איז ניט אַ העלד, א גרויסער גבור
דער מענש, וואָס לינדערט יענעמ׳ס ליידען,

וואָס נעמט אַ טייל פון זיינע פריידען
און גיט דאָס דעם געדריקטען איבער,
וואָס זוכט זיין חבר זאָל געניסען
און טיילט מיט איהם דעם לעצטען ביסען ?

איז ניט אַ העלד, אַ גרויסער שטרייטער
דער מענש, וואָס גראָבט, און שניידט, און מויערט,
וואָס לאַכט פון דער געפאַהר, וואָס לויערט
אויף איהם, און טרייבט דעם וועלט־ראָד ווייטער ?
איז ניט אַ העלד, אַ נאָבּ'לער ריטער
דער מענש, וואָס שאַפט דער מענשהייטס גיטער ?

צום סטרייקענדען מיינער

אומזיסט, אומזיסט, דו שטאַרקער העלד,
עס זיינען שטאַרקער די הולטאַיעס—
דו שטעהסט אַליין, אַליין אין פעלד
אַנטגעגען טויזענד ווילדע חיות.

אומזיסט, אומזיסט הייבט אויף די נויט
דיין ברעך־שטאַנג, וואָס בעהערשט די גריבער;
בעפאָר דו זיעגסט קומט אָן דער טויט,
און לאָזט אַ קאַלטען טרופּ דיך איבער.

עס רופט די פליכט, עס רופט די צייט,
עס דריקט, עס שפּאַרט פון אַלע זייטען,
ניט איינער ביזטו יעצט וואָס לייד'ט,
און אויך ניט איינער קענסטו שטרייטען.

און פונקט ווי דו פון דונקלען שאַכט
ערהייבסט זיך, מיט אַ בעס'רען זינען;
ווערט באַלד די גאַנצע וועלט ערוואַכט,
צום קאַמפּף די פרייהייט צו געווינען.

וואָס האָט דיין ברעך־שטאַנג פאַר אַ ווערט
אַנטגעגען טויזענדע קאַנאָנען?
דאָך ווערען זיי אים־נו צושטערט
פון בלויזען הויך פון די מיליאָנען.

איך פיהל דיין וועה, איך קען דיין פּלאָג,
איך וויים דיין עלענד, ארמער מיינער,—
דאָך, וואַרט, עס קומט דער ג ר ו י ס ע ר טאָג
און יענער טאָג וועט זיין אויך דיינער.

קריזיס

יעדער גומען איז פערטריקענט,
יעדער צונג פערדאַרט,
פאָלק, דו האָסט אויף גוטע צייטען
זיך אַצינד דערוואַרט!
האָסט געאַרבייט און גע׳חלום׳ט;
האָסט געגלויבט דעם גביר—
ביז דער דלות און דער הונגער
נעהמען זיך צו דיר.

מאַגאַזינען שטעהען פולע,
און פאַבריקען לעער,
ווייל דו האָסט געשאַפט אָהן חשבון,
אימער מעהר און מעהר.
איבערפלוס איז אין פראָדוקטען,
אין דיין קראַפט — אַ זול, —
בעטסט זיך איצט פאַר ברויט צו שאַפען,
דאָך ווער הערט דיין קול?

דיינע דינגער לעבען לוסטיג,
כאָטש ס׳איז שטיל דער מאַרק.
גרעבער ווערט דער פרעכער פנים,
רויטער ווערט דער קאַרק.
אָבער דו, אַ, בלייכער זיפּצער
פון דער אָרמער גאַס!

וועסטו שטיל פאַר הונגער שטאַרבען
אָהן אַ ברעקיל כעס?

וועסטו גלייכגילטיג פערנעהמען
דיינע קינדער'ס וועה?
וועט דאָס פאַטער־האַרץ ניט טרייבען
דיך נאָך ברויט פאַר זיי?
וועט דיין האַנד פער'חלומ'ט ליעגען
אין דיין טאַש אומזיסט,
ווען דיין פרוי געהט זוכען ברעקלעך
אין דעם רייכענס מיסט?

אַלע דיינע דריקער שרעקען
פאַר דיין אויפשטאַנד איצט,
דו אַליין נאָר ווייסט דיין קראַפט ניט,
וועלכע דו בעזיצט.
איז די צייט נאָך ניט געקומען,
וואָס דו שטעהסט פאַרטראַכט?
וואָס דו וואַגסט נאָך ניט צו נעהמען,
וואָס דו האָסט געמאַכט?

צו די קרעכצער

דו אָס בליקט איהר, קרעכצער, אַזוי שטאַרק פערוואונדערט,
מיט ציטערנים אין אַלע זייטען?
איהר פרעגט: „ווי קומען שלעכטע צייטען
אין דעם געלויבטען, גלענצענדען יאהרהונדערט?"

איהר הערט די הונגער־גלאָקען אונגעריכטע,
אייך ווערט פאַר שרעק דאָס האַרץ צוריסען.
אָ, איהר האָט דאָס געדאַרפט שוין וויסען,
דאָס איז אַן אַלטע, טרוי'ריגע געשיכטע.

מען האָט דאָס לאַנג גענוג פאַר אייך געפריידיגט,
געהייסען אייך שוין לאַנג ערוואַכען,
דאָך איהר פלעגט נאַריש דאָס פערלאַכען,
אַליין נאָך איי'רע טויט־מאַכער פערטיידיגט.

איהר האָט די צייט, דאָס לעבען ניט פערשטאַנען
און האָט זיך אַנפערטרויט אויף רויבער,
איהר האָט געשלעפט דעם יאָך ווי גלויבער,
בחנם, פאַר די בלוטיגע טיראַנען.

נו, האָט דאָס אייך די נויט אַצינד פערקינדיגט,
די נויט, וואָס אייך איז ליעב געוואָרען,
איהר ליידט אַצינד פאַר אַלע יאהרען,
וואָס איהר, מיט אייער בלינדקייט, האָט געזינדיגט.

מיליץ האָט איהר מיט אייער בלוט געפיטערט,
ניט זיך, דעם שונא צו בעשיצען.
אָ, זעהט איהר ווי די שווערדען בליצען
ווען איהר ווערט אונגעדולדיג און פערביטערט?

פון אייער ביין האָט מען געשווייסט קאַנאָנען,
מיט אייער פלייש — געשפייזט סאָלדאַטען.
דאָס אַלץ איז הילף נאָר פאַר דעם זאַטען,
דער טויט פאַר איי׳רע קרעכצענדע מיליאָנען.

מען האָט דאָס אַלץ געזעהן און אייך געמינטערט,
פון אייער לעטאַרגיע געריסען,
דאָך איהר האָט ניט געוואָלט דאָס וויסען,
און גראָד אין ווערה געזומערט און געווינטערט.

יעצט זוכט איהר אייער שיקזאַל צו פעררייכטען,
דאָך שטעהען טויזענד פעסטע שורות
אַנטקעגען איי׳רע בלייכע צורות
געגרייט, אים אויגענבליק אייך צו פערניכטען.

איהר זעהט שוין איצט, אַ קריזיס קומט אַנטגעגען,
איהר זעהט, און קענט דאָס ניט בעגרייפען.
איהר מוזט אַצינד דעם מח שלייפען—
ווי אייער פיינד זיין אויסגעשטרעקטען דעגען.

די ערוואכונג

אוועה איז מיר! אָ, וועה איז מיר!
אוי גיט מען זיך אַן עצה?
ווי לאַנג וועט מיך דער שלעכטער גביר
רק האַלטען אין זיין לייצע?

ער שפּאַנט מיך טאָג און נאַכט אין יאָך,
אַט ווי דעם פערד אין וואָגען;
איך זעה מיין סוף, איך פיהל מיין בראָך
און טאַר קיין וואָרט ניט זאָגען.

מיין רעכט צו בעטען הייסט אַ „בונט“,
כאַטש נעהמען מיך און שיסען!
געה, אַרבייט, מענש, און זיי געזונד,
און מאַך זיך גאָר ניט וויסען!

דער שבת קומט, איך אָטהעם אָב,
פערגעס אַ ווייל די קללה,
דאָך איידער איך גלייך אויס דעם קאָפּ,
אוי, מאַכט מען שוין הבדלה...

אָ, גוטער גאָט אין הימעל דאָרט!
איז דאָס דיין גוטער ווילען?
פערבאָטען זאָל מיר זיין דאָס וואָרט
און פריי דאָס הארץ צו פיהלען?

אָ, ניין! איך בין אַ מענש, וואָס רעדט,
וואָס קען אויך אונטערשיידען...
און איידער עס וועט ווערען שפּעט,
וועל איך נאָך מוזען ריידען!...

ראש השנה

א נייער יאהר, אַ נייער יאהר,
אַ נייער יאהר קומט אָן!
עס קלינגט דעם חזן'ס טרויער־כּאָר
אין דעם „המלך״ ־ טאָן.
דער יאָמער ברעכט דאָס הארץ אין צוויי,
צום הימעל רייסט זיך דאָס געשריי,
צום הימעל הויך און ווייט.
דאָך אימער־צו און אימער־צו
און אימער דאָס געוויין,
אָ, לאָזט דעם הימעל שוין צו־רוה
און בעט ביי זיך אַליין!
אָ, בעט ביי זיך! דען נאָר אין אייך
ליעגט יענע קראַפט, וואָס מאַכט אייך רייך,
און ברינגט די גוטע צייט.

אָט דיזע קראַפט אין אייך, וואָס רוהט,
בעדאַרף קיין חזן ניט.
דאָ דאַרף מען וועקען מאַכט און מוט,
דאָ ווירקט אַ שטורם־ליעד.
אַ שטורם־ליעד, אַ ווילדער פלאַם,
וואָס לאַכט זיך אויס פון גרעסטען ים
און פרעגט נאָך קיין געשטעהר,
נאָר מיט דעם שופר רוף נאָך רוף,
אַז ציטערן זאָל די וועלט,

ביז אַלע שלאָפֿער שטעהען אויף
אויף פֿעסטען פֿוס געשטעלט.
אָ, דאַן איז ראש השנה, דאַן,
קיין ביט און בעט איז ניט פֿאַראַן
און קיינער ווײנט ניט מעהר.

יא, ניט געוויינט און ניט געקלאָגט,
פֿאַר קיינעם ניט געקניעט,
דער מחזור צו, ניט מעהר געזאָגט
מיט אַ צוקלעמט געמיטה.
אַ יעדער מענש זיין אייגנער גאָט,
אַ פֿרייער הימעל אָהן געבאָט,
אַ ערד — אַ פֿאַראַדיז!
אַ נייעס לעבען איבעראַל
אַ וואונדערליך געשטאַלט,
און ליעדער שלאָגען ווי אַ קוואַל,
עס רוישט אַ יונגער וואַלד...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָ, הללו־יה פֿאַנטאַזי!
הויב אויף די פֿאָלעם העכער, פֿליה!
ווי שען, ווי שען דאָס איז!...

„עס קען ניט זיין"...

דער רייכער זאָגט: „עס קען ניט זיין,
עס קען ניט זיין, ס׳איז ליגען",
ווען אַפּט ער הערט פון נויט און פּיין,
זיך באָדענדיג אין מילך און וויין,
און לויטער פערגעניגען.

ער טרעפט ניט, זאָגט ער, אָן די נויט,
דעם עלענד ביי די מאַסען.
ער זאָגט, די וועלט האָט שטענדיג ברויט,
און קיינער הונגערט ניט צום טויט,
מען שטאַרבט ניט אין די גאַסען.

די מענשען, זאָגט ער, טראַכטען אויס,
די מענשען איבערטרייבען.
זיי מאַכען קליינינקייטען גרויס,
ביי זיי קומט אַלץ צו ווילד ארויס,
וואָס אַרט מיך וואָס זיי שרייבען?

גזלנים! מען פערשטעהט אייך גוט!
איהר סטאַרעט זיך צו רעטען, —
עס קומט אין פּנים אייך דאָס בלוט
פאַר שאַנד און שרעק, דאָך פאַסט איהר מוט
און זוכט דאָס צו פערגלעטען.

אָ, איהר האָט קיין מאָל ניט געפּרובט
אַריינצוכאַפּען צרות.
צו זיין פערדונגען ביי אַ שופט,
צו אַרבייטען אָהן ליכט, אָהן לופט,
אין ענג פערשפאַרטע נאָרעס.

איהר האָט נאָך קיין מאָל ניט פערבראַכט
אין פריהלינגס זיסען צויבער,
פון פריהסטען מאָרגען ביז דער נאַכט
אין דומפּפע וואַרקשטאַטען פערמאַכט,
ביי שטיין־רייך ווילדע רויבער.

איהר האָט נאָך קיין מאָל ניט פערזוכט,
איהר געלד־זאַק׳ס שטאָלצע ריטער—
דעם סלעק׳ס פערגאַלטע טויטען־פרוכט,
איהר האָט נאָך קיין מאָל ניט געפלוכט
די וועלט, ווייל זי איז ביטער.

איהר האָט דאָס ניט פערזוכט קיין מאָל,
דאָך וויסען, וויסט איהר אַלעס!
אין מענשען־קראַפט מאַכט איהר דעם זול,
די וועלט מאַכט איהר צו ענג, צו שמאָל,
און גרויס, און ברייט דעם דלות.

די שטילע שנאה

ש ווין זייט יאהרען, לאַנגע יאהרען,
טרעף איך אַלץ אַ בלייכען שקלאַף,
האָפענונג און מוט פערלאָרען,
אָרעם, עלענד, דאַר און שלאַף.
אויף זיין פּנים ליעגט אַ טרויער,
און פון צרות רעדט זיין בליק,
צרות פון אַ לאַנגען דויער,
פון א פינסטערען געשיק.

דאָך ווען איך בעטראַכט די מינע
אויף זיין צורה דאַר און בלאַס,
מערק איך דאָרט אַ שטילע שנאה,
אַ געהיימען, ווילדען כעס,
אַ געפעהרליך־טיעפען צאָרען,
און אַ פיינדשאַפט, וועלכע יירט.
כ'זעה אַ קראַפט פערשטיקט פון יאהרען,
וועלכע ענדליך עקספּלאָדירט.

און איך זאָג אייך... קיין געלעכטער!
ווי איך זעה דאָס און בעטראַכט,
נעהנטערט זיך דער טאָג, דער רעכטער,
ווען די שטילע קראַפט ערוואַכט.
ווען דער טיעף־באַהאַלט'נער כח
רייסט זיך אויף פון לאַנגען שלאַף
און צובריכט דעם גאָלד־מזבח,
און פון עלענד ווערט אַ סוף.

אייגענע שולד

דו װאָס װײניגער איהר װײסט,
אַלץ מעהר געפינט איהר טרײסט
און פרײד, און לוסט אין לײדען;
װאָס קנאַפּער איהר פערשטעהט,
אַלץ לוסטיגער איהר געהט
צום חלף ער זאָל שנײדען.

איהר זעהט פאַר זיך אַ װעלט
און װײסט ניט, אַז זי פעהלט
אי אײך, אי אײ׳רע ליעבע.
איהר זעהט און װײסט ניט װאָס
און האָט ניט קײן פערדראָס
און זוכט ניט נאָך די סיבה.

איהר קענט ניט אײער נויט
ד׳רום זעהט איהר ניט דעם טויט,
װאָס גלאָצט אײך גלײך אין פּנים;
איהר פיהלט ניט אײער שטאַנד,
ד׳רום הײבט איהר ניט קײן האַנד
אַנטקעגען אײ׳רע שונאים.
דאָס לעבען קומט און געהט,
אַ ראַשער װינד פערװעהט,
דאָך איהר פערבלײבט צופריעדען.
יאָ, אײער װעה בלײבט שטעהן,
איהר האַלט עס צו אַלײן,
אָ, אַרבײטער און אידען!

די ארבייטער

אַט שטעהען זיי פאַר מיר אַ בלייכע שריינגע,
דעם עלענד'ס שרעקליכע אַרמיי.
אַ, ניט געהאָלפענע, געגנאַרטע מענגע!
זי ברעכט מיר דורך דאָס האַרץ מיט וועה.

דאָס זיינען מיינע ברידער, בלאַס און אָרעם,
די שוועסטער מיינע פון פאַבריק;
איך האָב אַ מאָל געקלאַפּט אין זיי'רע קברים,
גערופען זיי צום לעבענס גליק.

איך בין אין זייער ווייטאג איינגעדרונגען,
אין זייער חורבן טיעף אריין,
איך האָב פאַר גאָט און לייט צוקלונגען
דעם גרויסען בראַך פון זייער „זיין“.

איך האָב דער נאַכטיגאַל מיין צונג געגעבען,
צו זינגען זיי אַ פרייהייטס־ליעד,
צו ווייזען זיי די פּרעכטיגקייט פון לעבען,
צו צייגען, אַז די צייט פערפליהט.

איך האָב געמאַכט די קברים ריידען,
די הימלען אויפגעריסען ווייט.
איך האָב געוועקט די גרוב און דעם גן עדן
אַלס עדות צום גערעכטען שטרייט.

דאָך אָר'מע שקלאַווען זיינען זיי פֿערבליבען,
און איך בין עלענד, אַלט און קראַנק,
און וואָס איך האָב געזונגען און געשריעבען
בלייבט איבער וואָגלען אָהן אַ דאַנק.

צום אַרבייטער

זיי שטאָלץ אויף דיין אַרבייט: זי גיט דיר דאָס רעכט
די פרוכט פון דער וועלט צו געניסען.
זיי מוטהיג, זיי מענשליך און זיי ניט קיין קנעכט!
דיין ווערטה און דיין אָרט זאָלסטו וויסען!

דיין ווערטה צו בעצאָהלען פערמאָגט ניט קיין טהראָן;
דיר קען די נאַטור נאָר פערגעלטען.
דיין אָרט איז אַן עהרען־אָרט גאַנץ אויבען־אַן,
דו גאָט פון די אירדישע וועלטען!

מיט וואָס דיך בעלוינען, ווען אַלעס איז דיין,
דו פלייסיגע האַנד מיט דעם האַמער?
צו דיר געהערט אַלעס — דאָס ברויט און דער וויין,
דאָס אייזען, דאָס גאָלד און דער מראַמער.

דערפאַר מעגסטו שטאָלץ זיין און נעהמען מיט רעכט
אַלסדינג, וואָס דיין האַרץ קען פערלאַנגען!
זיי מוטהיג, זיי טאַפּפער און זיי ניט קיין קנעכט, —
און שמיעד ניט, און טראָג ניט קיין צוואַנגען!

אַ באָרוועסער אינגעלע

ס'איז טרויריג און קאַלט אין דערויסען,
עס טראָגט זיך אַ פרעסיגער ווינד,
פון פריינד און פון מענשען פערשטויסען
לויפט אום אַ פער'יתום'טעם קינד.
זיין רעקיל צופּיצעלט, אַ רים אויף אַ רים,
עס פאַלען די שיך איהם אראָב פון די פיס,
און אָבוואָהל זיין פוץ האָט פערוועלקט אַזוי גיך,
דאָך פוצט ער פאַר אנדערע מענשען די שיך.
אַ, פוץ, אבער פוץ, ווידער פוץ!
דען האָסטו פון לעבן אַ נוץ?
ביזט אָרעם און עלענד, און אָהן אַ פּאָרוואָס,
ווי יאָמערדיג קלינגט דאָס: „שאַין, באָס! שאַין, באָס!“

איך בעט אייך, וואו וואוינט ער? ווי לעבט ער?
אַ, קען ער אַ היים צו אַ שול?
דאָס קינד, דאַכט מיר, וואַקסט אַ פערגרעבטער,
דאָס קעפּיל מיט נאַרישקייט פול...
וואָס רייד איך פון בילדונג? זיין קלעגליכע פפליכט,
זי גיט מיר פון אַלץ שוין אַ קלאָרען בעריכט.
וואָס רייד איך פון וואַקסען? וואו וואַקסט דען דער „איך“,
וואָס פוצט נאָר אַ צווייטען און קיינמאָל ניט זיך?...
אַ, פוץ, אַבער פוץ, ווידער פוץ!
דען האָסטו פון לעבען אַ נוץ?

צו פריה נעבאך טרינקסטו דעם ביטערען כוס.
ווי הערצרייסענד זינגט דאָס: „שאַין, באָם! שאַין, באָם!“

און אויף דעם בית־עולם דעם קאַלטען,
אָ, דאָרט ליעגט זיין מוטער אצינד,
י. דאָרט איז די ליעבע בעהאַלטען,
וואָס האָט נאָר געלעבט פאַר דאָס קינד!
זיין מוטער, וואָס האָט איהם געבאָדען מיט פרייד
בעפאָר די פאַבריק האָט זיין טאַטען געטייט.
יעצט וויינען נשמות צוויי אונטער א שטיין:
„ווי וועה איז דעם יתום, וואָס בלאָנדזשעט אליין!“
אָ, בלאָנדזשע און פוץ פרעמדע, פוץ!
דען האָסטו פון לעבען א נוץ?
וועך ווייס, אויב עס קומט נאָך ניט ערגער׳ס ווי דאָס?...
ווי שרעקליך טיעף דרינגט דאָס: „שאַין, באָם! שאַין, באָם!“

דערפאר

איך זוך ניט די פרייהייט אוים קנאה, צו לעבען
אזוי ווי דער גבירישער פרעכער בעל גאוה,
וואס וואלגערט זיך אום א בערוישטער פון תענוג
אין שמוציגע רינעס פון אלערהאנד תאוה,
און ווייסט ניט קיין סוף צו זיין לוקסוס, און צארענט
אויף דעם, וואס דאס לעבען איז צעהן מאל ניט לענגער,
אום מעהר צו הולטאיען, — איך זוך נישט די פרייהייט,
ווייל איך בין מקנא די רייכע פערברעכער.

איך זוך ניט די פרייהייט אום הערשען צו קענען
מיט ווילדע געפיהלען פון בלוטיגער ראכע
אויף די, וועלכע הערשען אצינד אהן רחמנות
אויף מענער און פרויען און עופ'עלעך שוואכע;
אויף ארעמע ברואים, וואס האבען ניט קיינעם
אויף דר'ערד דא צו דאנקען, אין הימעל צו בענשען;
וואס שמאכטען אין יאוש, — איך זוך נישט די פרייהייט,
אום הערשען צו קענען אויף אנדערע מענשען.

איך זוך ניט די פרייהייט צו לעבען אין הפקר,
צו טראמפלען אויף אלץ, וואס איז שען, צו פערשוועכען
דאס הייליגע רעכט, ווי די רייכע, וואס נוצען
די פרייהייט צו נידעריגקייט און פערברעכען, —
דעם יתרון, וואס העכערט דעם מענש פון דער חיה,
און גיט איהם א רעכט אויף זיין עדעלען נאמען,

און גיט איהם די בחירה, — איך זוך ניט די פרייהייט
צו קענען דאָס גלייכע אין הפקר פערלאָמען.

ניט קנאה, ניט הערשזוכט, ניט הפקר־געפיהלען,
נאָר פעסטע געזעצען און אייביגע רעכטען
צובלאָזען אין הארץ מיר דעם הייליגען פלאַקער
פון עהרליכע פרייהייט, פון קאַמפף געגען שלעכטען.
איך וויל, אָ, דערפאַר, ווייל איך מ ו ז זיך בעפרייען,
דערפאַר, ווייל עס קענען קיין קייטען און וואפען
ניט טויטען די פרייהייטס־געבאָרענע קרעפטען,
וואָס זיינען צו ה ע כ ע ר ע ציעלען בעשאַפען.

מאַי געדאַנקען

דער וואַלד שטעהט אַבגעצוואָגען,
די בוימער אָטהמען פריי,
די שטונד האָט אויסגעשלאָגען:
געקומען איז דער מאַי.

אוועק דער גליקען־ווערגער,
פערהילכט דער ראַבען־קול,
עס קרוינען זיך די בערגער,
עס פוצט זיך אוים דער טהאָל.

עס ווייען לינדע ווינדען,
די זונן בענייט איהר גלאַנץ,
געהיימע קרעפטען בינדען
דער וועלט אַ נייעם קראַנץ.

עס עפנען זיך די ריגעל,
דער פויגעל טהוט אַ רוף,
דער גייסט הייבט אויף די פליגעל,
די ליעבע כאַפט זיך אויף.

די יונגע בלומען שמעקען,
עס רעדט דער שענער טייך,
און טויזענד פריידען וועקען
יעדוועדע זעלע גלייך.

נו, הייבט זיך, הענד, צום בענשען
דעם מאַי, דעם זיסען מאַי,
וואָס וועקט די לוסט אין מענשען
און מאַכט זיין שטרעבען ניי;

וואָס מינטערט אויף דעם פעפער
און מאַכט איהם פאַר אַ העלד;
וואָס רופט דעם גליקס־בעשעפער,
דעם אַרבייטס־מאַן, אין פעלד!

מיין הארצענס טיעפע ברכה
אויף יעדע האַנד, וואָס שאַפט
ביי'ם האַמער, ביי דער סאָכע,
פערוועגדענדיג איהר קראַפט!

אַ, הימעל! שטאַרק זיין ווייסען,
זיין לוסט דעם אַרבייטס־מאַן,
זיין חשק צו געניסען
די גוטס וואָס איז פאַראַן!

ער זאָל ניט שטעהן פון ווייטען,
ניט זיין געשטופט צוריק
אין לעבענס שענסטע צייטען
פון זיין פערדיענטען גליק!

בעגריסונגען
צו ארבייטער בלעטער.

I
(געווידמעט אַ 7-יעהריגען יובילעאום)

מונד פון דעם בערויבטען קנעכט,
שפראַך פון דעם געדריקטען אָרימאַן,
אונבעפלעקטער אַרבייטער־אָרגאַן.
צונג פון וואַהרהייט און פון רעכט.
ווידער האָב איך יעצט דאָס גליק
ווי מיט זיעבען יאָהר צוריק
צום געבורטסטאַג דיר אַ ליעד,
יא, א בעגריסונגס־ליעד צו זינגען,
אַלס פראַלעטאַריער און אַלס איד
מיין טיעפע ברכה דיר צו ברינגען.

איך האָב בעגריסט דיין ערשטען טריט
צום פרייהייטס־קאַמפף, דיין ערשטען רוף,
דיין ערשטען שאַרפען, טיעפען שניט
אין הערשאַפט'ס בלוט־בעפלעקטען גוף.
איך האָב בעגריסט דיין ערשטען שטראַהל
מיט מיין געזאַנג, און נאָך ביז היינט
בין איך געבליעבען דיר אַ פריינד,
דיין שטרייט איז מיינער איבעראַל.

קיין מיטגליעד ניט פון דיין פּאַרטיי,
אָ, טייער בלאַטט, און דאָך בין איך

מיט דיר, ווייל דאָס וואָס דיר טהוט וועה,
איז דאָס וואָס קריינקט און ערגערט מיך.
איך האָס די פאַלשקייט פונקט ווי דו,
און פונקט ווי דו די שקלאַפעריי,
און טרוים ווי דו פון יענעם מאַי,
וואָס רוקט זיך נעהנטער, נעהנטער צו.

דערפאַר געהט איבער יעצט מיין מונד
מיט ליוב צו דיר, אָ, זיי געגריסט!
איך זעה דיך שטאַנדהאַפט אויף דעם גרונד
פון פרייהייט שטעהן. און גאַנץ אומזיסט
בעמיהען זיך דעם שקר'ס קנעכט
צו וואַרפען דיך מיט גוואַלד צו דר'ערד.
שטרעקסט אוים דער וואהרהייט'ס שאַרפען שווערד
און זיעגסט, און לעבסט, און בלייבסט גערעכט.

שוין זיעבען יאָהר אין קאַמפף מיט נאַכט,
און דאָך האָט קיינער דיך פערלעצט.
דו האָסט די שונאים שוואַך געמאַכט
און זעלבסט געבליעבען גאַנץ ביז יעצט.
דיין וואָרט איז ריין, דיין אינהאַלט קלאָר
אַצינד ווי אין דיין ערשטע שעה.
דו ביזט געקומען, דו ביזט דאָ,
און דו וועסט זיין אויף לאַנגע יאָהר.

II.

(געווידמעט א 10־יעהריגען יובילעאום)

דרי שנעל דאס לעבען לויפט, מיין פריינד,
אויף דיזען טרויער־שטערען!
כ׳געדענק נאך פונקט אזוי ווי היינט
דעם אנפאנג פון דיין ווערען.
איך הער נאך דאכט זיך יעדער וועה,
וואס האט דיך דא געבארען...
היינט געה, בעגרייף דאס און פערשטעה,
ביזט שוין צעהן יאהר געווארען!

צעהן יאהר, דו ריעזענהאפטער העלד,
אין שטרייט פאר די וואס ליידען!
צעהן לאנגע יאהר צו שטעהן אין פעלד,
קיין שלאכט ניט אויסצומיידען!
און דאך מיר דאכט, אזוי געשווינד
איז דיזע צייט פעררונען,
דען שלעכט איז נאך די וועלט אצינד
ווי דו האסט זי געפונען.

יא, שלעכט איז נאך די וועלט, דער שווערד
דיקטירט אונז נאך געזעצען,
און שטאלץ שפאציערען נאך אויף דר׳ערד
די ברודנע, אלטע געצען...
מזבחות פלאמען אומעטום
מיט אפפער פאר „ניט־גוטע“,

און עלענד שטעהט נאָך הויל און שטום
די מאַסע פאַר דער קנוטע.

עס שוועבט נאָך אַלץ די שוואַרצע נויט
דעם איבערפלוס אַנטקעגען...
עס וואַקסט נאָך אַלץ דער בלייכער טויט
נאָך יעדער ברכה־רעגען...
און ביז די וואָלקען שטייגט דאָס נאָך
דער יאָמער פון אַ אומה,
וואָס ווערט געהעצט פון בראָך צו בראָך,
און האָט נאָך אַלץ קיין תקומה.

נאָך זעה איך פּרעה'ס שוואַרצע מאַכט,
איך זעה די אינקוויזיציע,
נאָך הער איך ווי דער טייפעל לאַכט
מיט בלוטיגע אַמביציע.
איך הער... און דאָך צעהן שווערע יאָהר
אָהן מיעדקייט און אָהן מורא,
צוקלינגסטו פאַר אַ נייעם דור
דער מענשהייט'ס נײ'סטע תורה.

און שטענדיג ציעלט אַהין דיין בליק
צו יענעם גרינעם אינזעל,
וואו שען געמאָלען ליעגט דאָס גליק
פון האָפנונג'ס רייכסטען פּינזעל.
נו, געה — די צוקונפט איז מיט דיר,
און לאָז דיין שטימע שאַלען!
און איך... געענדיגט איז מיט מיר,
איך בין אין קאַמפּף געפאַלען.

III.

עס שפּיעלט אַ נייער כלי־זמר, ברידער,
אַ נייעם שטייגער, נייע טענער!
עס קלינגט אַן ערנסט אין די ליעדער:
„מיר וואַקסען אוים, מיר ווערען מענער!“
ניט אייביג קען דער שכל שווייגען,
די צייט — ניט אימער איהרעם שענקען;
מיר הייבען אָן זיך איבערצייגען—
מיר הייבען ענדליך אָן צו דענקען.

דער נ י י ע ר ג י י ס ט — ער קומט מיט שטורם,
און וועקט אין אונז אַ נייעם שטרעבען,
ער ברעכט דעם חושך׳ס ווילדען טהורם,
און פיהרט אונז פריי אין ו ו אַ ה ר ע ן לעבען.
ער עפענט הערצער, עפענט מחות,
וואָס וואָלטען בלייבען זאָנסט פערפּאַלען...
און גיסט אַריין דאָרט נייע כחות,
און לאָזט אַריין דאָרט פרישע שטראַהלען...

דער אַלטער אונזין ווערט צושפּרונגען,
און שווינדעט מיט דער נאַכט צוזאַמען—
מיר ווערען מעכטיג דורכגעדרונגען
פון נייעם גייסט מיט זיינע פלאַמען.
דער נעבעל ווייכט, עס ווערט אַ קלאָרהייט —
אנשטאַט דעם שקר זעהט מען קומען,
געציערט, די אייביג שענע וואַהרהייט,
מיט זונענשטראַהלען און מיט בלומען.

אָ, זיי געגריסט, דו נייער שטערן—
דו נייער גייסט — מיט טויזענד גריסען!
אָ, רעד צו אונז, מיר ווילען הערען,
ערצעהל אונז אַלץ, מיר ווילען וויסען;
מיר זיינען זשעדנע נאָך געדאַנקען,
דער אמת איז אונז הייליג, טהייער;
אָ, עפען אַלע הערצענס־שראַנקען,
און צינד דאָרט אָן אַ נייעם פייער...

מיר זיינען לאַנג גענוג געזעסען
אין טיעפען חושך, ווי פערברעכער—
אָ, לאָז אונז יענע צייט פערגעסען!
און גיב אונז ליכט, און שטעל אונז העכער...
צינד אָן די וויסענשאַפטס־מנורה,
מאַך ליכטיג אַלע איהרע צווייגען—
און מאַך אונז קלאָר אין יענער תורה,
וואָס קען איהר גרויסקייט איבערצייגען...

מאַכט מיר פּלאַץ!

(צו א וועלט־אויסשטעלונג)

מאַכט מיר אַ פּלאַץ אויף דער אויסשטעלונג דאָרטען,
צווישען די בייסטע ערפינדונגען, גיך!
קונסטשטיקער פיהר איך פון אַלערהאַנד סאָרטען,
טייערע זאַכען. — וואָס פיהר איך מיט זיך
פרעגט איהר? איך שווער איהר וועט בלייבען פערוואונדערט,
שטוינען בעטראַכטענדיג אַלעס. איך פיהר
אַלע פּראָדוקטען פון אונזער יאהרהונדערט,
שענע פּראָדוקטען, וואָס האָבען קיין שיעור...

מאַכט מיר אַ פּלאַץ נאָר אַ גרויסען, אַ ברייטען,
ברייט ווי דער שמערץ אין מיין ליידענדע ברוסט!
כ'וויל מיט מיין סחורה זיך געוואַלטיג פערשפּרייטען,
כ'וויל דאָס זאָל ווערען בעוואונדערט, בעוואוסט, —
זאָלען זיי קומען פון אַלע מדינות,
איך וועל זיי ווייזען וואָס איך האָב געבראַכט, —
זאָלען זיי קומען און זאָגען מבינות,
זאָלען זיי זעהן, וואָס די וועלט האָט געמאַכט...

מאַכט מיר אַ פּלאַץ, נאָר אויף גיך זאָל דאָס ווערען!
בריקעס געלאָדענע פיהר איך פון ווייט,
שיפען געפילטע מיט אידישע טרערען;
חכמות פון אונזער בעזונגענער צייט, —

כ׳פיהר דאָ די ליעבע פון קריסטליכען גלויבען,
קריסטליכע ליעבע, וואָס שטורמט די ערד;
עלענדע אָפּפער פון הייליגען רויבען,
הייליגע ליעבע פון קריסטליכען שווערד!

מאַכט מיר אַ פּלאַץ און ניט שפּאָרט קיין הכנות!
זעהט נאָר אַ סחורה, אָ, זעהט נאָר אַ צוג!
בלייכע יתומים און קראַנקע אלמנות,
בערג מיט הרוגים נאָך מעהר ווי גענוג...
כ׳פיהר דאָ, צוזאַמען גענומען פון מינעס,
לעבענס פון גאָט און פון מענשען געטרעטנט,
שקלאַווען פון אונזערע פרייע מדינות,
הייליגע גלויבער מיט בלוטיגע הענט...

מאַכט מיר אַ פּלאַץ דאָרט און שפּאָרט ניט קיין טרחה!
מאַכט מיר, איך בעט אייך, אַ פּלאַץ אויבען־אָן!
רופט מיר דעם פּריסט פון דער הייליגער קירכע,
רופט דעם געזאלבטען, וואָס זיצט אויפ׳ן טהראָן,
רופט מיר די דענקער, אָ, רופט די ערפינדער,
רופט זיי צוזאַמען פון דאָ און פון דאָרט,
זאָלען זיי זעהן ווי דער אייביגער בלינדער
געהט דאַכט זיך פאָרווערטס און שטעהט אויף אַן אָרט.

מאַכט מיר אַ פּלאַץ פאַר די טייערע זאַכען!
אויסשטעלען וויל איך זיי, אויסשטעלען פרייי,
אפשר וועט ענדליך דער שכל ערוואַכען,
אפשר וועט ווערען דאָס לעבען כדאי.

זאָלען זיך קונסט און ערפינדונג פערשעמען,
שטעהענדיג נאָהענט מיט רשעות און נאַכט,
אפשר וועט שפּעטער דער אמת זיך נעהמען
ווייזען דער וועלט, אז דער מענש האָט ערוואַכט!

ביי די חורבות פון דעלענסי סט.*)

מען רייסט אָראָב דעלענסי גאָס.
איך קוק דאָס אָן און טראַכט:
פערשווינד, דו העסליכע מרשעת,
אין שאָטען פון דער נאַכט!

איך זעה: מען רייסט אָראָב דעם דאַך
פון יענער ווערקשטאָט דאָרט,
וואָס האָט געמאַכט מיך קראַנק און שוואַך
און שיער געטויט מיין וואָרט.

אָט ליעגט דאָס! האָלץ, און שטויב, און שטיין,
אַ שוואַרצער באַרג מיט מיסט:...
מען קריצט דאָרט מעהר ניט מיט די ציין,
מען שאָפט ניט מעהר אומזיסט.

דער צימער איז געוועזען ענג,
קיין זונשיין און קיין לופט,
און אין דעם טייפעלשען געדרענג
האָט אונז געדריקט דער שופט.

אַ שענע בלום האָט דאָרט געצעהרט,
די ווערקשטאָט'ס עדלע רויז —

*) אַ טייל פון דעלענסי סטריט איז ארונטערגעריסען געוואָרען, ווען מען האָט געמאַכט דעם וויליאמסבורג בריק.

מיר האָבען אַפּט איהר הוסט געהערט,
געזעהן ווי זי געהט אוים.

אַ אין־דער־פריה איז דאָס געוועזן, —
אַ, טרויעריגע שעה! —
איך הער מען זאָגט: „עס איז געשעהן,
נישטאָ זי מעהר, נישטאָ!“

די אַרבייט האָט צושטערט איהר לונג,
זי איז געשטאָרבען פריה.
אַ בלאָנדער מלאך, בלייך און יונג,
אַ זיסע פּאָעזיע!

איך האָב דעם טאָג ניט פיעל געניייט,
עס האָט מיך טיעף גענאָגט,
איך האָב די טויטע רויז בעגלייט
און אין דער שטיל געקלאָגט.

אַן אַלטער מאַן האָט דאָרט געשאַפט,
דער נביא פון פאַבריק —
ער האָט געלייגט זיין לעצטע קראַפט,
געבלענד'ט זיין לעצטען בליק.

ער האָט זיך קיינמאָל ניט בעקלאָגט,
און ניט גע'טענה'ט פיעל.
ער האָט געאַרבייט און געזאָגט
זיין תהלים אין דער שטיל...

נאָר מאַנכעסמאָל האָט ער געשטראָפט,
און מאַנכעסמאָל געטרייסט.
מיר האָבען קרעכצענדיג געהאָפט
און אָפט געטראַכט: „ווער ווייסט?“

ער איז געפאַלען טויט, א מת
ביי'ם קאַלטען אַרבייטס־טיש.
געשטאָרבען ביי דער שווערער פּרעס
אין זאָגען: אשרי האיש“...

* * *

מען רייסט דעלענסי גאַס, איך שטעה,
קוק אָן איהר סוף און טראַכט:
פיעל שווערע טעג פון לייד און וועה
האָב איך אין איהר פערבראַכט!

פריינקעל

(באַלאַדע פון ארבייטער־לעבען)

ווי גוט און ווי קלוג איז דאָס פריינקעל דער פרעסער!
ער מאַכט אַ סך געלד און פערברויכט ניט.
ער איז ניט קיין טרינקער, ער איז ניט קיין פרעסער,
ער שמעקט ניט, און ליעבט ניט, און רויכט ניט.
אַ איד אַ בעל תכלית, — ווי ווערט מען קיין גביר ניט?
אַלצדינג, וואָס ער ווייס נאָר, איז שפּאָרען.
די תאוה, די גאוה, זי גיט איהם קיין ריהר ניט,
און ער איז אַ מענש שוין אין יאָהרען.

אַ בחור איז פריינקעל, אַן עלטערער בחור,
עס פּאַסט איהם צו זיין שוין אַ טאַטע, —
אַ זכר, אַ סטאָלנער, אַ ליטווישער זכר,
דאָך טהוט ער קיין שידוך לעת־עתה.
צו נעהמען אַ ווייב, דאָס איז ניט אַזוי שווערלאָך,
עס שרעקט נאָר דאָס הארץ פאַר דעם שפּעטער:
דאָס הויז־געזינד וועט זיך פערגרעסערען יעהרליך,
און היטען זאָל גאָט פאַר דעם „פעטער“.

דעם פינסטערען שד מיט דעם בלוטיגען „סגל“,
דער וואוכערער, ווערגער, און דריקער,
וואָס האַלט ווי אַ טיגער געגרייט זיינע נעגעל
צו רייסען דעם אביון אין שטיקער.

אַט דאָס זעהט אַלץ פריהער אַרויס אונזער פריינקעל,
און טראַכט זיך: קיין בייז, עס איז צייט נאָך!
מיט געלד קען מען מאַכען אַ קרעמעל, אַ שיינקעל,
אַ הייזעל, און ווערען אַ לייט נאָך...

מיט געלד קען מען מאַכען מסחרים אַפּולע,
און אַלטקייט איז אויך קיין חסרון;
מיט געלד קען מען קריגען אַ צאַצקע אַ בתולה,
אפילו צו ד׳עלטערע יאָהרען...
נישט־קשה! עס וועט זיך געפינען אַ מיידעל!
קיין דאגה, אַבי נאָר מזומן!
איז נאָך אַ מתנה: אַ רינגעל, א קליידעל,
אַ יאַקעל — די ליעבע וועט קומען...

אַט נאָט אייך אַ ראיה פון מאַקס דעם אַפּרייטער!
קוים האָט ער געהאַט די מטבע —
אַ חלש געווען, דאַכט זיך, גאָר אַ צודרייטער,
דאָך איצט איז זיין ווייב חוה לאה.
אַ פיינע בלאָנדינקע, אַ מינע, אַ לעבען,
אַ שטעל, אַ פיגורע — גרויסאַרטיג!
ער האָט ניט געקאַרגט, איהר מתנות געגעבען;
מען האָט זיך געאייניגט — און פאַרטיג!

אַזוי האָט זיך פריינקעל געטראַכט און גערעדט,
און ווייטער געאַרבייט פון מאָרגענס ביז שפּעט.
אַ בייגעל בעגינען, אַ בולקע ביי־נאַכט, —
ער האָט זיך דעם באַנק־ביכעל פולער געמאַכט.
און ער איז שוין רייכער, און ער איז שוין שוואַך,
און וואונדער! און טאַקע אַ זעלטענע זאַך:

א בילד־שענע מיידעל, אַ יוגענד, אַ שאַין,
ווערט פריינקעל׳ס אַ כלה, זי וויליגט שוין איין.
„אָ, פריינקעלע הארצע! אָ, פריינקעלע קרוין!“
זי רעדט מיט אַ ליעבשאַפט, די יונגע פּאַרשוין.
אַן אַר׳מע יתומה, אָהן עלטערן, אָהן פריינד,
איהר איינציג פערמעגען — איהר פּנים וואָס שיינט
אזוי ווי די זון אין דעם הימעל׳ס געצעלט,
אזוי ווי אַ רויז, וואָס וואַקסט אוים אויפ׳ן פעלד;
א רויז אַ געשמאַקע, אַ שמייכלענדע בלום,
וואָס האָט אַלס נדן נאָר איהר חן און פּאַרפיום. —
אַ בלום האָט ער, פריינקעל, אַן עלענדע בלום,
אַן ארביימער־מיידעל, אונשולדיג און פרום,
און ער איז איהר איינציגער פריינד אין דער וועלט,
וואָס עפענט זיין האַנד פאַר אַלצדינג וואָס איהר פעהלט:
פאַר קליידער און רינגען, און יאַקען, און היט,
ער קאַרגט קיין מתנות, ער גיט און ער גיט,
און זי איז צופריעדען: קיין ברירה נישטאָ...
אזוי ווערט בעשלאָסען די חתונה־שעה.

אין אַ צימער ענג און רויכיג,
אין אַן אַלטער, ברודנער הויז,
וואו עס אַרבייטען אין דוחק,
צווישען טייפעלשען געברויז
פון די אייזערנע מאַשינען,
מענשען מיט אַ טריבען זינען,
שקלאַפען פון אַ דומפּפען נעסט,
שטעהט נאָך פריינקעל שטיל און פּרעסט...

דאָס איז נאָך דער זעלבער אייזען,
אָבער ניט דער זעלבער פּרעס,
דען עס קען קיין וואונדער ווייזען
מעהר דער לעבעדיגער מת,
וועלכער הויבט די לאַסט די שווערע:
זייַנע ביינער זייַנען לעערע,
קוים אין דער צודריקטער ברוסט
שפּוקט נאָך אום אַ קראַנקע לוסט.

לוסט צו בלומען, צו זיין ליעבע,
ליעבע צו דער איידלער בלום,
דאָך די צוקונפט איז אַ טריבע,
און די געגענוואַרט קוקט קרום...
פריינקעל האָט שוין באַלד קיין לונג ניט,
און דער שיקזאַל דאַרף קיין צונג ניט
צו פער׳מסר׳ן די שעה
ווען זיין העלד איז מעהר נישטאָ.

האָכציימס־קאַרטען שוין צוגעבען,
אין אַ קאַרגע וואָך אַרום
דאַרף אַן אָבגעלעבטעס לעבען
זיך פערבינדען מיט אַ בלום.
באַלד וועט אַלץ זיין אָבגע׳פּטור׳ט.
אַך, די שענע בלומע פלאַטערט!
אַך, דער עלענד און די נויט
פאַרען אויף איהר מיט דעם טויט!

און די חופּה און די טהרה
ביידע איילען ווילדערהייט:

ביידע פֿאַדערען די ווערע,
וועלכע שטעהט פֿאַר זיי געגרייט...
שענע בגדים זיינען פֿאַרטיג
און דער זאַל איז גאַר גרויסאַרטיג,
אַלץ איז ציערליך, אַלץ איז שען, —
ווען מען אָבער טאַנצען געהן?

אין דער שוואַרצער טהרה־שטיבעל
פֿון דעם אַלטען בית הקברות,
וואו עס קוקט דורך דונקלע שאַטענס
שטיל אַרויס דער ביינער־פּנים
פֿון דעם בלייכען טויט;

זשומט דאָס ווי אַ מעלאָדיע,
ברומבעלט דאָס ווי אַ בעזעצענס,
פּונקט ווי אַ בכשופֿ'ט פֿיעדעל
וואָלט געשפּיעלט אַ ליעד.

און פֿון נייעם בית המדרש
הערען זיך די שבעה ברכות
און אַ ליי'נען פֿון אַ כתובה
און אַן „הרי את"...

קנאַקט דאָס לעערע קדושין־גלעזעל
ביי דעם חתן אונטערן קנאַפּעל...
אין דעם פּוסטען בית המדרש
קיכערט: „מזל טוב!"

„מזל טוב!“... מיט מזל פיהרט דאָס
פריינקעל צו דער חופּה איצטער
איהר, די עלענדע יתומה,
גרוילט דאָס איהר און שרעקט...

עפענט זיך איהר טאַטענס קבר:
„טאַטע!“... „טאָכטער!“... אין די אָרעמס
פאַלען זיי מיט בלוט׳גע טרערען, —
און זי כאַפּט זיך אויף...

אַ חכם איז פריינקעל, אַ חכם געווען,
ער האָט נאָר אין שפּאָרען זיין צוקונפט געזעהן,
ער האָט מיט די הייליגע ליעבע געוואַרט
ביז איהם האָט דער פינסטערער קבר פערנאַרט.
געשטאָרבען איז פריינקעל אין עלענד און לייד:
עס האָבען קיין מענשען זיין אָרון בעגלייט.
ער איז אין קיין חברה קיין חבר געווען,
ער האָט אין חברים קיין פריינד ניט געזעהן...
אַ טאָג פאַר דער חופּה איז ער ווי אַ שטיין
געפאַלען ביי׳ם שרעקליכען פרעס־טיש אליין.
די אַרבייטער האָבען נאָך איהם ניט געביינקט:
ער האָט זייער אחדות קיין צוטרוי געשיינקט, —
אַ העלפט פון זיין אייגענס האָט ער אין דער באַנק
פערשריעבען אויף בלומען אלס ליעבעס־געשאַנק.
זי האָט איהם תכריכים געקויפט און גענייט,
זי האָט איהם אליין צום בית עולם בעגלייט,
די חברה קדישא, דעם קברן פערגעלט,
און תיכף אַ שענע מצבה בעשטעלט.

עס האָט איהר דאָס הארץ, די נשמה געריהרט,
אַ הייליגע טרער האָט דאָס אויג איהר געציערט,
דאָך ווען עס איז אַלעס געוועזען פאַרביי,
דאַן האָט זי גערוהט און אויפגעאָטהעמט פריי...

דער קריעגסצוג

(דיזעס געדיכט איז איבערזעצט פון כינעזיש אוים דעם „טשי קינג“. איך מאך מיט א כיון א אונגעגראמטע איבערזעצונג, כדי ריכטיג איבערצוגעבען די געדאנקען)

די פויגעל ציהען נאך דעם וויטען דרום
און אויף א צווייג אונטערוועגס רוהען זיי זיך אב.
דעם קייזער'ס דיענסט פערגינט אונז ניט די רוהע,
נאר וויטער, אהן רחמנות שלאג די מידע פים!
פערלאזען טאטע, מאמע אונבעהאלפען,
פערוויסט און אונבעארבייט זייער שטיקעל פעלד!
פערשמאכטע! ווער וועט זיי מיט ברויט בעזארגען?
א, ווער וועט זיי דערווארמען? ווער בעדיענען? ווער?!
ווי לאנג, א, בלויער הימעל,
וועט סטראשען אונז דער גאנג?!

די פויגעל ציהען וויט אהין נאך מזרח,
פערוואגעלטע פון זייער אויפגעבויטען נעסט.
עס טרייבט דעם קייזער'ס פפליכט — און אונזערע פפליכטען
צו אונז אליין? וואס ארט די קרוין? עס קלאפט דער פויק!
מיר מוזען געהן זיך שלאגען פאר די הערשער!
דער אקער בלייבט פערזשאווערט אויפ'ן גארטען שטעהן.
ווער וועט דאס ביסעל קאקארוז צוגרייטען?
די קראנקע עלטערן בלייבען, וועה איז אונז, אין נויט!
ווי לאנג, א, בלויער הימעל,
וועט דויערן דער מארש?!

די פויגעל ציהען נאָך דעם וויטען מערב
און רוהען אונטערוועגענס, ווען זיי ווערען מיעד,
דאָך אונז, אָ, טרייבט די פפליכט פון פאָטער, מוטער,
פון זיסען פריעדען אין דעם שטירמיש ווילדען קריעג!
דאָס שטיקעל פעלד בלייבט שמאַכטען אָהן א סאָכע,
די בלודנע סטאַדע בײנקט, איהר טרייער פאַסטוך פעהלט!
עס דאַרט דאָס ביסעל ר י י ז, עס חלש׳ט וואַסער,
די אָרמע עלטערען פערהונגערען אָהן צייט.
ווי לאַנג, אָ, בלויער הימעל,
בלייבט אונזער הימאַט וויית?...

דער קוילעטש

(אַן עצה פון אַ פּראַקטישען בעקער)

זעהט, מען גרייט זיך צו דער סעודה!
יעדער אַרבייט, יעדער שאַפט,
ביי דער מולטער, ביי דעם אויוועז,
זאָל דאָס האָבען נאָר אַ האַפט,
ליעבע שוועסטער, ליעבע ברידער!
ווי איהר מיהט זיך, ווי איהר טהוט!
געהט איהר שוין דעם קוילעטש מאַכען,
נעמט זיך צייט און מאַכט עס גוט!

זיפּט די מעהל נאָר רעכט פאַנאַנדער,
זאָל קיין קלאַיען דאָרט ניט זיין,
ניט געאיילט זיך מיט דעם זיפּען,
מאַכט עס לאַנגזאַם, מאַכט עס פיין!
דען דער קלאַיען איז געפעהרליך,
ווען עס בלייבט אין דאָס געבעק.
שפּעטער איז עס שווארץ און ביטער,
קיי און שפּיי און ווארף אוועק.

מישט די טייג נאָר גוט צוזאַמען,
און די חייוועז, נעמט די בעסט!
דאָך ניט לעגט עס אָהן א חשבון,
הערט איהר, מאַכער, ניט פערגעסט!

צופיעל יירען איז אַ פעהלער,
אויפגעהן מוז עס מיט אַ מאָס...
דאַרף די זאַך ארוים גערהאָטען,
מוזט איהר טהאָן און וויסען וואָס.

מאַכט נאָר חנ'עוודיג די פלעכטיל,
דען צום בענשען מוז עס געהן,
דאַרף עס גילטען פאַר אַ ברכה,
מוז עס זיין אי גוט אי שען...
פלעכט די קיטקע, פלעכט עס פעסטער,
קניפּט צוזאַמען שטיק אין שטיק,
דען אין איילענים צופאַלט עס
און עס בינדט זיך אָב צוריק...

אויך דעם פייער מאַכט מיט זינען,
צופיעל ברענשטאָף ניט פערוועגדט!
זוכט דעם אויווען צו פּרובירען,
דען ער באַקט—און ער פערברענט!...
צופיעל היץ איז א סכנה,
שרעקליך, וואָס דער פייער קען!
לאַנג געשאַפט און פיעל געמיהט זיך,
און איהר האָט ניט וואָס צו זעהן...

פֿערשיעדענע מאָטיווען

דאס בלימעל

בלימעל ביי דעם ברעג פון שטראָם,
וואו די וואַסערס קוועלען,
טיעפע סודות פון תהום
הערסטו אין די וועלען.

וואס אין אבגרונד׳ס שטילען שוים
שפּיעלט זיך אָב, דאָס אַלעם
קומט צו דיר, געפינסטו אוים,
ווייסטו פון די כוואַלעם.

טאָג און נאַכט דו הערסט זיך איין
זעלט׳נע ווערטער פליסען,
און דעם צוועק פון אונזער „זיין“
מוזטו זיכער וויסען.

דען אויף וואַסער האָט געבויט
גאָט זיין ערשטע דירה,
און ער האָט דעם תהום פערטרויט
אַלץ פון דער יצירה.

גליקליך בלימעל ביי דעם זוים
פון דער שעפּפונגס וויעגעל,
וואו עס שוועבט דער ערשטער טרוים,
ס׳ליעגט דער ערשטער זיעגעל!

* * *

„ארעם בלימעל, וואס איך בין,
וואו די וואַסערס שלאָגען!
וואָס זיי ריידען האָט קיין זינן,
דום איז וואָס זיי זאָגען!

לעערעם רוישען פריה און שפּעט,
אונבעלוינטע מיהע,
וועלכע קלינגט ווי אַ געשפּעט
אויף די גאַנצע בריאה.

טאג און נאַכט די זעלבע שפּראַך
וויל גאָר שטיל ניט ווערען,
און איך, בלימעל, קליין און שוואַך,
מוז דאָס שטעהן און הערען!

אָפט ווען איך בייג אָן מיין קאָפּ,
פון דעם טומעל שכור,
שלאָגט די פלוט דעם הימעל אָב,
אָבער נאָר אין שטיקער...

גליק און טרויסט נאָר, גלויב איך, קומט,
ווען איך שלאָף און הער ניט,
ווען דער גאַנצער שטראָם פערשטומט,
און עס טומעלט מעהר ניט..."

די ערשטע בלום

עס שטעהט די ערשטע פריהלינגס־בלום
אין שטאָלצער פאַרבען־פּראַכט
און קוקט זיך פרעגענדיג אַרום.
צי ס'האָט שוין ווער ערוואַכט...

דער הימעל איז נאָך קאַלט און גראָה,
די פעלדער ליעגען הויל, —
חוץ איהר איז נאָך קיין בלום נישטאָ,
און אַלץ אַרום איז גרויל...

די גערטנער שטעהען ווי געשמיד'ט,
אין אומעט איינגעוועבט, —
זי איז די איינציגע וואָס בליהט,
די איינציגע וואָס לעבט.

עס איז די ערשטע אין דער וועלט
צו קומען איהר בעשערט,
די בת־יחידה פון דעם פעלד,
די צירונג פון דער ערד!

און שיקט די זון א ליעבען בליק,
קריעגט זי דעם ערשטען קוס.
און קומט א שוואלב א היים צוריק,
הערט זי דעם ערשטען גרוס.

נאַטור׳ס „שהחינו“ קלינגט
נאָר איבער איהר אַליין.
דער ערשטער פויגעל־חזן זינגט
אַ הלל אויף איהר חן.

דאָך פּערלען טרערען אויף איהר שעה,
איהר געהט דאָס אַלץ ניט איין,
אָהן פריינד און אָהן משפחה דאָ
וואָלט זי ניט וועלען זיין.

זי קוקט די שענע אויגען אוים
צום באַרג, צום טהאָל, צום וואַלד,
וואו ס׳וועט מיט יונגער קראַפט אַרוים
אַ בלומען־מחנה באַלד.

און שמעקען וועט דאָס נאָה׳נט און ווייט
אויף טויזענד מיילען פריי
אין פריינדשאַפט און אין הערליכקייט
אַ גאָט־געבענשטער מאַי.

און גיסען וועט זיך ווי אַ טייך
אַ זיסע האַרמאָניע
פון פאַרבען, ליכט און דופטען רייך,
אַ ריינע פּאָעזיע!

הערבסט

מיט קאַלטע בליקען קומט דער הערבסט געצויגען,
ער קומט און לוסט, און פריילינקייט פערגעהען,
עס קוקט דער טויט פון זיינע כמורנע אויגען,
די ליעבע שטאַרבט מיט איהרע זיסע וועהען.
דורך וואַלד און פעלד צוקלינגט אַ שמערצליך פראַיכען,
עס לעשט די זונן, עס ברעכט דעם דוב דעם שטייפען,
די לאַנקע קאָרטשעט זיך, עס גליווערען די טייכען,
דער ווינד דערשרעקט זיך פאַר זיין אייג׳נעם פייפען.

דער באַרג שפּרינגט אויף אַ נאַקעטער, צושראָקען,
פון שלאָף געשטערט דורך גרויליגע יללות,
עס וועלקט די לעצטע רויז אין זומערס לאָקען,
די לופט־קאַפּעליע געהט אַוועק אין גלות...
אַוואו די סטאַדע האָט זיך פריי געפיטערט,
דער פאַסטוך האָט געסווישטשעט גליק און פריידען,
לויפט אום דער הערבסט מטושטש און געוויטערט,
און שרייט, און רעדט, און ווער פערשטעהט זיין ריידען?

ווינטער

ווינטער! נאַטור'ס זילבערנע חתונה!
אנשטאט איהר גרינע זיידענס טראָגט זי
אַ בעזילבערט קלאָרען חופה-שלייער;
זילבער-סאַנדעלס, און איהר בלומענקראַנץ,—
ריינער זילבער! אַ זילבערנע חופה
היינגט דער זיב'רער הימעל איבער איהר,
א זילבערנע חתונה! זילבערנע
דרשה-געשאַנק פאַלט אויף באַרג און טהאָל...
זילבער שיט זיך פון דער קראָהע'ס פליעגעל
אויף די קלאָרע טישטיכער פון דר'ערד.
אויסגעפוצט אין זילבער, מחותנים!
שטעהען אַלע בוימער אין דעם וואַלד.
און אויף זילבערנע פאַפּיאַלען שפּיעלען
ווינד-כלי-זמרים. אין דער פרייער לופט
טאַנצט דער זילבער-שנעע אַ וואונדער-וואַלצער,
טומלענד ווי אַ כשוף פאַר דעם בליק.
און דער זילבער-חתן, אונזער ווינטער!
נעהמט אַרום די כלה און קושט איהר
ווילד און שטאַרק, און פרעסט איהר צו זיין בוזים...
נו, מזל טוב אייך, חתן-כלה!
איך זאָל דערלעבען זעהן פון אייך
אַ מאַי, אַ זומער און אַ אָסיען!....

ענטטוישונגען

געווידמעט מיין אמת'ן גוטען פריינד אהרן העללער.

נאך ניט געבארען

א קליינע פריידען, גרויסער וועה!
זיי האבען קיין ממשות,
דאס הארץ ווערט ניט געהיילט פון זיי,
עס לאבט זיך מיט חלשות.

א, וואו איז יענע גרויסע פרייד
געזוכט זייט לאנגע יאהרען?
עס קלינגט א שטים: „אומזיסטע רייד,
זי איז נאך ניט געבארען!"

אויסגעזונגען

איך קוק ביי מיר אין הארץ אריין
און זוך דארט מיינע ליעדער.
וואו קענען זיי יעצט אלע זיין?
א, קומען זיי נאך ווידער?

דארט זיצט א קראה, איהר שווארץ געשטאלט
איז שנאה און נקמה,

זי רוקט איהר שנאָבעל טיעף און קאַלט
ביי מיר אין דער נשמה.

זי וואַרפט צומאָל מיר צו קיין בליק
און גיט זיך ניט קיין קימער,
און יעדער פּיק רייסט אויס אַ שטיק
און מאַכט אַ וואונד אויף אימער.

ביי'ם האָדסאָן

ביי דעם שטילען האָדסאָן קלאַג איך
מיינע אייביגע יסורים:
האָדסאָן, שטילער האָדסאָן, זאָג איך,
זוי דיין וואַסער, אָהן דבורים,
רעדט צו מיר דורך יעדע וועלע,
וועלכע קומט און ווערט פערשוואונדען,
טהוט אַ רויש און ראָלט אַוועק;
פּונקט אַזוי, אָ, רעדט מיין זעעלע
רק צו מיר דורך נייע וואונדען,
נייע וויהען, נייע שרעק.

צו די הויכע שטערען טראָג איך
מיין צואוויטאָגטע נשמה:
שטערען, הויכע שטערען, זאָג איך,
פּונקט ווי איהר האָט די נחמה
ווייט פון אירדישען געטימעל,
און איהר חלום'ט ליעב און גערן

פון דעם הימעל'ס זיסע רוה;
האָב איך אויך מיין טרייסט אין הימעל,
כאָטש עס רינגען מיינע טרערען
אויף דער ערד נאָך אימער־צו.

א חלום

איך האָב געטרוימט, די וועלט איז א גן־עדן
מיט הייליגע און כשרה נשמות.
איך האָב געטרוימט פון הימלישע נחמות,
פון הימעלס גליק און הימעלס זיסטע פריידען.

ווי האָט עס העל געטרעלט אין זיסע קלאַנגען!
ווי האָט עס זיך געהאָפט אַלץ מעהר און מעהרער!
ווי האָט געשיינט די זון אַלץ קלאָר און קלערער!
ווי איז דעם דיכטער דעמאָלט גוט געגאַנגען!

דאָך ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, אָ, ברידער!
האָב איך מיט שוידערהאַפטען שרעק דערזעהן איהם,
דעם שוואַרצען, וויסטען, שרעקליכען גיהנם,
און איך קען ניט, קען ניט טרוימען ווידער!

גיט מיר וויין

א גיט אהער דעם שטאַרקסטען וויין!
איך וויל זיך יעצט בעטרינקען,
איך זאָל נישט דאַרפען זעהן מיט פיין
די וועלט אין וועה פערזינקען.

דער ווײַן, דער שטאַרקער ווײַן איז גוט!
עס הערט זיך אויף צו קלערען —
אָ, רויטער ווײַן! אָ, רויטעס בלוט!
אָ, בלוטיג־רויטע טרערען!

כ'דערטרינק דעם וועלט־שמערץ אין דעם ווײַן,
בערוהיגט בלײַבט מײַן זעעלע,
און קוק זיך מיט אַ שמײכעל אײַן
אויף אונזער שוואַרצער העלע.

דאָך ווען איהר זעהט, איך געה נישט גלײַך,
כ'הײב אָן פון וועג צו ווײַכען...
נישט לאַכט! ווײַל דאַן קאַפּיר איך אײַך,
דאַן ווער איך אײער'ס גלײַכען!

איך זוך

איך זוך אין די ווײַטסטע מקומות
און וואָס איך געפין איז חלומות.
ווי נאַרט מיך די האָפענונג מיאוס!
אָ, קענט איהר מיר ענדליך ניט זאָגען:
וואו וועט איהר דעם וואַנדרער פערטראָגען,
איהר מידע, פערמאַטערטע פיס?

טובות

זיי האָבען מיר געלד געבאָרגט
ווען מיר איז שלעכט געווען,
זיי האָבען פאַר מיר געזאָרגט
איך זאָל ניט אונטערגעהן.
דאָך האָבען זיי מיין וועה
מיר אימער אויפגעוועקט;
דען שטענדיג האָבען זיי
די גוטס מיר צוגעשטעקט...

לופט

אָ, מאַכט מיר ברייט און ווייט די וועלט, איך ליעב קיין ברעגען!
עט, עט, אַ פליה טהאָן וויל איך, וויל זיך פריי בעוועגען,
דאָרט, וואו דער גייסט און די געפיהלען, וועלכע ברענען,
אין דער אונענדליכקייט זיך פריי פערטיעפען קענען.
דען ענג איז מיר די ערד, איך בין דאָ ווי געפאַנגען,
נאָך יענע ווייטע וועיטקייט נאָר איז מיין פערלאַנגען.

מיך ציהט! נאָך יענעם הימלען-פרייען וועג איז מיין בעגעהרען,
וואו עס זינגט די אייביגקייט דורך גאָלד'נע שטערען...
וואו דאָס קליינליכקייט פערשווינד'ט, מען הייבט אָן פיהלען
אַ פרייע קראַפט, אַ אונבעגרענצטען פרייען ווילען;
עס פיהלט זיך דאָס געוואַלטיגסטע, דאָס העכסטע שטרעבען,
און אַלץ איז פול מיט ריינע ליכט און יונגעס לעבען.

אָט דאָ בין איך אַ קנעכט, מיט פליכטען אַ פערצאַמטער,
אַן אַרעסטאַנט, צו שיקזאַל'ס קערקער אַ פערדאַמטער.
אויך פיהל, איך טראָג די וועלטען אַלע אין מיין בוזים,
דאָך איינגעקערקערט טיעף אין מיר פערבלייבען מיינע חרוזים,
אָ, גרויסער גאָט! ווען וועט עס ענדליך מיר געלינגען
די ענגשאַפט דורכצוברעכען און בעפרייט צו זינגען?

ווי לאַנג וועט פעסט געבונדען ליעגען מיין נשמה
אויף עלענד'ס רויהע, קאַלטע, בלוט־בעפלעקטע במה?
ווי לאַנג וועל איך זיך רייסען, זיך ניט לאָזען דריקען
און אימער דורך געפאַהר פון דר'ערד צום הימעל בליקען?
צו ענג איז עס דעם לייב, דעם אָדלער אין זיין צווינגער,
דאָך ענגער פיעל די וועלט מיר, אָרמען איד'שען זינגער!

נקמה

ווען איך לייד און הער איך שווייגען,
גלויב איך נאָך אַ מאָל: פיעלייכט
פיהלט איהר מיט און קענט ניט העלפען,
ווערט מיין טריבער בליק נאָר פייכט.

אָבער ווען איך לייד און הער נאָך,
ווי איהר טענה'ט מיט אַ שפּאָט
פון מיין וועהטאָג, פון מיין עלענד,
דאַן מיין האַרץ נאָר פיהלסטו, גאָט!

דאַן, אָ, וואָלט איך וועלען כאַפּען
דיזע וועלט מיט מיינע הענד
און צוטרייסלען איהר, ווי שמשון
האָט צוטרייסעלט יענע ווענט.

לייד איך איינער, ליידעט אַלע,
וואָס מיט מיר, אָט דאָס מיט אייך!
קענען אַלע גלייך ניט לעבען, —
שטאַרבען קענען אַלע גלייך!

פאַר וואָס איך וויין

פערצאַגטער! וואָס האָסטו פערלאָרען?
וואָס ברעכט זיך דיין אָרימע ברוסט?
האָט נאָך אַלץ די צייט ניט געבאָרען
אַ טרייסט צו דיין גרויסען פערלוסט?

אין טרערען אַזוי זיך צו באָדען,
צו וויינען ביינאַכט און בייטאָג! —
אין וואָס פאָרט בעשטעהט עס דיין שאָדען?
וואָס האָסטו פערלאָרען פאָרט? זאָג!

אָ, ניט דער פערלוסט מאַכט דאָס רינען
די טרער, וואָס פערדונקעלט מיין וועלט;
נאָר דאָס וואָס איך קען ניט געפינען,
וואָס מיר האָט פון אייביג געפעהלט.

אויף לעבענס פערלוסטען זיך קלעמען
און וויינען בעצאָהלט זיך אונז שווער,
דען וואָס קען דער שיקזאַל אונז נעהמען
אזוינס וואָס זאָל ווערטה זיין אַ טרער?

די ליעבע! דאָס איז מיין פערלאַנגען!
די ליעבע, — דאָס איז וואָס איך זוך!
אָהן איהר זיינען פרייד און געזאנגען,
און מענשען, און יאָהרען, — אַ פלוך!

דערפאַר וויין איך אָב מיינע יאָהרען,
און אַלץ אַרום מיר איז פערפלוכט.
מיך אַרט ניט וואָס איך האָב פערלאָרען,
ניטאָ איז וואָס איך האָב געזוכט!

וואָס איז דער צוועק

מה יתרון לאדם בכל עמלו
שיעמול תחת השמש?
(קהלת)

ווען אַפּט איך ווער פון לעבען מיד,
און איך בעקלאָג אין מיר דעם איד,
און איך בעוויין אין מיר דעם מענש,
און זעה דעם פלוך אין וואָס איך בענש,
און זעה דעם האָס אין וואָס איך ליעב,
און זעה ווי אַלץ אַרום איז טריעב,

און זעה ווי אויבען נאַרט די זון,
און זעה ווי אונטען נאַרט דער טריט —
דאַן פרעג איך מיט מיין שווער געמיט
און פרעג מיט וועה: „וואָס וועדט דערפון?“

ווען אָפט איך פיהל אַ טיעפע פרייד,
פערגעס דעם שיקזאַל'ס האַרטע רייד,
און איך בעזינג אין מיר דאָס גליק,
און ווער ענטציקט פון אויגענבליק,
און זויג די לוסט פון יעדער שטראַהל,
און זעה די נוצען אין דער גאַל,
און זעה דעם וואַכען אין דעם שלאָף,
און זעה דעם אָנפאַנג אין דעם סוף,
דאַן פיהל איך אויך אַ זיסען שרעק
און פרעג: „נו, וואָס איז דאָך דער צוועק?“

וואָס איז גליק?

איך פרעג ביי דעם אביון, וואָס באָדט זיך אין נויט:
וואָס הייסט ביי דיר גליק? און ער ענטפערט מיר: „ברויט“.
איך פרעג ביי דעם נגיד, וואָס שטעהט אויבען־אָן:
וואָס הייסט ביי דיר גליק? און ער זאָגט: „אַ מיליאָן“.
איך קום מיט מיין פראַגע צו דעם מיליאָנער:
וואָס הייסט ביי דיר גליק? און ער ענטפערט מיר: „מעהר“.
איך פרעג ביי דעם קראַנקען, ער ענטפערט: „געזונד“.
ביים יונגען — ער ענטפערט: „אַ פרייליכע שטונד“.

ביים אַלטען — ער זאָגט: „אויף דער יוגענד אַ בליק“.
ביים קינסטלער — ער זאָגט מיר: „אַ שם איז אַ גליק“.
אַזוי מיט זיין ענטפער קומט יעדער צוגעהן,
און וואָס עס הייסט גליק, קען איך אַלץ ניט פערשטעהן.

דאָס אינזעלע

אויף דעם ווייטען ים־הגדול, זאָגט מען,
ליעגט אַ אינזעלע אין גאָלדנעם פראַכט,
און ווי גוט, ווי וואויל וואָלט זיין דעם וואַנד'רער,
ווען זיין שיף וואָלט איהם אהין געבראַכט!

דאָרט איז פרייד און אייביג־זיסער נחת,
דאָרט איז פרעמד דער זיפץ, איז פרעמד די טרער.
קוים בעטרעטסטו יענעם גרינעם באָדען
קענסטו זיך שוין גאָר ניט ווינשען מעהר.

נאָר פערשאָלטען האָט אַ מכשפה
אַט דעם שענעם, וואונדערליכען אָרט:
קיינמאָל זאָלען רייזענדע דאָס גרייכען,
פאָהרער קיינמאָל, קיינמאָל קומען דאָרט...

און זייט דעמאָלט העלפען קיין תחבולות,
סיבות, סיבות סטראַשען דיך אַ שרעק...
אַט, אַ, זעהסטו, זעהסט די זעלט'נע ברעגען!
נעה'נטערסטו זיך, וואַרפט עס דיך אַוועק...

טויזענדע בעהארצטע גליק־פראָבירער
האָט די לוסט אין אָבגרונד שוין פערשלעפּט,
דאָך דאָס פיעל־פערלאַנגטע צו בעקומען
האָט נאָך קיינער, קיינער ניט דערלעבט...

אידיש

עס קלאַגען מאַנכע גראַמען־פלעכטער,
דאָס אונזער לשון איז אַ שלעכטער;
דאָס „אידיש“ איז צו פּראָסט, צו טרוקען,
עס האָט קיין בלומען און קיין פאַרבען,
און קראַצט די זעעלע ווי אַ שאַרבען,
און איז פערזויערט און מסוכן.

עס פעהלט אונז, זאָגען זיי, דאָס שענע,
דאָס עדלע וואָרט, דאָס זאַנפטע, ריינע,
און דאָס בעשריינקט זיי די געזאַנגען...
עס האָט נאָר ראַפּניקעס צו רייסען,
נאָר ריטער, זאָגען זיי, צו שמייסען,
און ניט קיין האַרצעדיגע קלאַנגען.

אַ, וועה! די וועלט נאָך צו פערבלענדען!
די מוטער־שפּראַכע פרעך צו שענדען
און זיך פערטיידיגען דורך ליגען!
אַ, אידיש, דו מיין בעסטער חלק!
ווי ביסטו רייך, ווי ביסטו הייליג!
וואָס קאָן איך ניט מיט דיר [illegible]?

די שענסטע בלום פון אַלע טהאַלען,
מיר פעהלט קיין פאַרבען זי צו מאָלען,

אָ, מערקט דאָס אייך, איהר גייסטער פּלאַכע!
און קוים זאָל זיך מיין הארץ פערליעבען,
מיין ליעבע וואָלט ניט שטום געבליעבען,
דען הימעל־גרוים איז מיר מיין שפּראַכע!

דאָס לעבען קען קיין זאַך מיר ברינגען,
איך זאָל ניט קענען דאָס בעזינגען.
מיין שפּראַך איז ברייט ווי אַלע ים׳ן
און שען ווי מאַי אין פולען בליהען,
איך זינג, און מיינע ליעדער גליהען
אין טויזענד־פאַרבעדיגע פלאַמען.

ווי איך זינג

איהר פרעגט ביי מיר וואו איך בעלאנג,
וואס מיך דערפרייט און מיר טהוט באנג?
אָ, הערט די נאכטיגאל'ס געזאנג!
אָט גיסט זי אוים איהר זיסען גוסט
אויף אַ געשמאַקען בלומענקוסט,
און אָט פערגעהט זי פאַר געוויין
דאָרט ערגעץ אויף אַ הוילען שטיין...
אָט פייפט זי פריי אין גרינעם וואלד,
און אָט הילכט פון אַ חורבה באלד
אַרונטער איהר פער'כשופ'ט קול,
זי זינגט דעם בארג, זי זינגט דעם טהאָל.

אזוי זינג איך מיין עהרליך ליעד
אוואו עס וועלקט און וואו עס בליהט,
האָב קיין בעשטימטע ריכטונג ניט.
איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציעל.
אין יעדער ליעד איז אַ געפיהל.
איך קלער ניט וואָס, איך קלער ניט ווען,
אָט פלוצלינג גיט אין הארץ אַ ברען,
עס גיט אַ קלעם, עס גיט אַ שפּאַר,
אַ מאָל די פרייד, אַ מאָל דער צער, —
דאָס קומט פון ברוסט און ניט פון קאָפּ,
און די נשמה נאַרט ניט אָב...

אַ טרייסט

עס איז נאָך קיינמאָל ניט פערקלונגען
אַ ליעד מיט אַן אמת געזונגען;
אַ ליעד פול מיט האַרץ און געפיהל.
דאָס האָט נאָך קיין דונער דערשלאָגען,
קיין שטורם געקענט עס פעריאָגען,
קיין כח געקענט מאַכען שטיל.

דרום זיי ניט געפאלען, מיין ליעדעל,
ווען דיך זינגט אַן אָרימער אידעל,
און זינגט דיך אין אידישען גוסט;
אָט דאָס זאָל דיר זיין די נחמה:
דו קומסט פון אַ ריינע נשמה
און שטאַמסט פון א פיהלענדע ברוסט!

קינסטלער-ליעד

ווילסטו קינסטלער־ווערטה געווינען,
אונזער שענע וועלט בעטראַכט!
קענסט אין איהר קיין מום געפינען.
גאָט האָט פּאָלקאָם איהר געמאַכט.

זעה, ווי גאַנץ זי איז, ווי איינִיג
איינס זיך מיט דאָס אַנד׳רע בינד׳ט!
קיין זאַך צו פיעל, קיין זאַך ווייניג,
אויסגערעכענט אויפ׳ן קווינט.

זעה, ווי שען די הימלען זייטען
אַרום אונז אַרומגעהילט!
ווי די שטערען קונציג שיינען,
אין לאַזור ווי איינגעגילט!

ווי די פויגעלאַך, וואָס זינגען,
טהוען זיך אין וואַלד אַ לאָז!
ווי די יונגע לעמער שפּרינגען
אין דעם גרינגעווירצטען גראָז!

זעה, ווי כשוף׳דיג עס טאַנצען
זילבער־ווּעלען אויף דעם טייך!
ווי אין פעלד די גאָלד פּאָמ׳ראַנצען
גלאַנצען קליינע זונען גלייך!

ווי זיך די גלגלים דרעהען
נאָך דעם מייסטער׳ם ווילען טריי!
דורות קומען, דורות געהען, —
און דער בונד איז אייביג ניי.

זעהסט, ווי וויים מען מוז עס טרייבען
אום צו ווערען הויך געשטעלט?
ווילסט דיין שם זאָל אייביג בלייבען?
שאַף אַזוי ווי גאָט זיין וועלט!

דען עס בלייבען די נאָר גלאַנצען,
אייביג בלייבען די אליין,
וועלכע האָבען גאַנץ אין גאַנצען
אויפגעבויט די וואהרהייט שען.

שאַפסט דו גרינדליך, בלייבט דאָס לעבען,
און דיין נאָמען הערט זיך וויים.
זעה צום העכסטען פונקט צו שטרעבען,
ווען דו פאָדערסט אייביגקייט!

וועב אליין די הימלען דיינע,
וואו דאָס שענע לעבען לעבט.
גאָט האָט אויך די הימלען זיינע
גאַנץ אליין פאר זיך געוועבט.

דאַן נאָר קען עס דיר געראָטען,
ווי דעם גאָט, מיט הימעלם מאַכט,
יעדען משחית, יעדען שטן
צו פעריאָגען אין די נאַכט...

דעם דיכטער׳ס דרשה-געשאַנק

(געלעגענהייט׳ס געדיכט.)

די רויז פלאַקערט אויף און פערבליהט,
דער עכאָ פון גאַלד ווערט פערקלונגען,
דאָך אייביג בלייבט לעבען דאָס ליעד,
וואָס ווערט מיט אַן אמת געזונגען.

מתנות פון אירדישען גלאַנץ
פערוועלקען צוגלייך מיט די יאָהרען,
נאָר שטענדיג בלייבט הייליג און גאַנץ,
וואָס טיעף אין דער ברוסט ווערט געבאָרען.

עשירות איז ניט אין מיין ראַנג
בוקעטען און גאָלד אייך צו שיינקען, —
אָ, נעמט-זשע מיין האַרצענס-געזאַנג,
א זאַך, וואָס די וועלט וועט געדיינקען.

עס פעהלט מיר דער געטליכער פלאַם
צו זעהן וואָס פאַר אייך איז פערשריבען,
מיר זיינען נאָר כוואַליעס אין ים,
אין בלינדקייט געיאָגט און געטריבען.

נו, ווינשט אייך פון האַרצען פון גרונד
דאָס בעסטע אַן אָרימער זינגער.

האָט נחת און פרייד, און געזונד,
און ווערט אין דער ליעבע אַלץ אינגער.

האָט אמת׳ע ליעבשאַפט אַ סך,
ווערט איינער צום צווייטען ניט קעלטער.
האָט קינדער און קינדס קינדערלאַך,
און ענדליך אַ רוהיגע עלטער.

און ווען עס וועט קומען די שעה,
אַז איהר זאָלט אַוועקגעהן פון דאַנען,
זאָל וויסען די וועלט דעם „נישטאָ“,
אזוי ווי איך זינג דעם פאַראַנען!

צו די דיכטערלינגע

(פּאָלעמישעס)

עס האָבען מאַנכע דומע יונגען
די ליעדער מיינע נאָכגעזונגען,
מיט קנאה זיינען זיי געשפּרונגען
צו גרייכען מיך און צו בעזיעגען.
דאָך האָבען אָט די אַלע כוואַטעס
מיט זיי'רע צוגעפאַרבטע שמאַטעס
געגרייכט ביי מיר נאָר ביז די פּיאַטעס, —
און זיינען דאָרט געבליעבען ליעגען.

נו, ליעגט דאָרט, ליעגט מיר צום געלעכטער,
איהר חוצפה'דיגע גראַמען־פלעכטער!
איהר זייט צומאָל קיין שטויב קיין רעכטער,
אויף וועלכען עס איז ווערטה צו טרעטען.
איך וויים: איהר ווילט, איהר זייט צו גערען
מיין פוס כאָטש זאָל אייך ווען בעעהרען,
דאָך ניין! איהר וועט קיינמאָל ניט ווערען
דער בלומענשטויב פון די פּאָעטען!

פייער

אָדער דער מענש און די יסודות.

עס רוישט און עס גוואַלדעוועט וויא אין אַ שלאַכט!
עס לויפען די מענשען אַרוים אין דער נאַכט,
עס שרייען די גרויסע און קליינע צוזאַמען.
עס איילען די מאַסען צושראַקען און בלאַס
און גיבען זיך איבער דער נאַקעטער גאַס.
די שטאָט ברענט, די שטאָט איז אין פלאַמען!

עס גיסט זיך פאַנאַנדער דער העלישער פלאַם,
עס שווימען די חורבות אין בראַנדיגען ים,
אין רויך ווערט פערוואַנדעלט דאָס מענשליכע שטרעבען.
עס שווינד'ט יעדע אָרדענונג און מיט אַ רעש
אַנטלויפען צומישטע דורך בערגער מיט אַש
און זוכען אַן אָרט צו בעשיצען דאָס לעבען.

עס שטירצען די הייזער,
די טעמפלען, די פּאַלאַצען,
די קירכען, די שולען,
מיט ווילדען פערדולען.
עס פלאַצען די ריגעל,
עס ברעכען די ציגעל,
עס קנאַקען די ברעטער
מיט רויש און געשמעטער,

אין יעדוויעדע ריכטונג,
מיט טויט און פערניכטונג.

דאָס קראַכען די קלייטען, פאַבריקען, עס פאַלט
די מענשליכע אַרבייט מיט שטורמישען געוואַלט,
און פלאַם זעהט דער שאַפער פערשווינדען זיין שאַפען!
ער זעהט, ווי עס בלייבט פון זיין מיהע קיין שפור,
און שוואַך איז דער גבור, עס זיעגט די נאַטור —
און לעגט מיט פערצווייפלונג אַנידער די וואַפען...

אַ שטאָט איז אין פלאַמען, ניטאָ מעהר קיין ראַטה!
דער שכל איז טעמפּע, די גבורה איז מאַט.
ווער קען די יסודות פערשטעלען די וועגען?
עס טראָגט זיך דער פלאַקער מיט זעלטענער מאַכט,
עס האָט זיך בעפרייט דער גיהנום, ערוואַכט!
דער טויט האָט געצויגען זיין פלאַמענדען דעגען!

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן

א נאָבעלמאַן פון העכ'רען גייסט געבאָרען,
אַריסטאָקראַט געווען אין אָנפאַנג פון זיין לעבען,
דאָך האָט דער יחוס זיך אין איהם פערלאָרען;
ער האָט דעם פ אָ ל ק זיין עדעל האַרץ אַוועקגעגעבען.
ער האָט זיין גרעס'רען „איך" צו הילף גענומען:
דעם מענש, די פרייהייט האָט ער לויז געמאַכט די פליגעל,
ער איז אַוועק פיעל נאָבלער ווי געקומען,
זיין קבר איז אַ פולע גרעסער ווי זיין וויעגעל.

געקעמפפט, רעגיערט, דאָך ניט געהערשט אויף קיינעם,
אַ חבר צו יוכבד'ס זוהן: ווי פון מצרים
בעפרייט אַ פאָלק, געלעבט מיט איהם אין־איינעם,
און אויפגעמאַכט דער וועלט אַ ניי ירושלים.
אָ, גרויסער גייסט, וואָס האָט אַ וועלט געשאַפען!
אָ, ריינע, אונבעפלעקטע זעעלע אָהן אַ גלייכען!
דיר זינגט אַ ליעד אַ יעדער פרייער האַפען,
דער האָדסאָן רוישט דיין לויב, עס רוישען אַלע טייכען!

דיר פלאַטערט אוים אַ לויב דער שענסטער באַנער,
עס רעדען אַלע בערג פון דיר, די טיעפע פלוטען.
אָ, דו אונשטערבליכער אַמעריקאַנער,
פון וועלכען אַלע פעלקער דענקען, ווען זיי בלוטען!

אָ, זאָל דיין גייסט ביי דיעזען טהויער וואַכען,
ביים טהויער, וואָס דו האָסט געעפֿענט פֿאַר דעם מיעדען,
און זאָל קיין בעזע קראַפֿט איהם ניט פֿערמאַכען,
ניט לעסטערען דיין זעעלע, וועלכע רוהט אין פֿריעדען!

אַנטאָניאָ מאַסעאָ

(דער קובאנער העלד)

עס קלינגען די גלאָקען, עס לעבט אַלט מאַדריד,
דער שטאָלץ פון אַמאָליגע דאָנען, —
עס רעש'ט און עס טומעלט, עס קאָכט און עס זיד'ט,
עס פלאַטערען זיידענע פאָהנען...

עס ציהט זיך אַ גוואַלדיגע פאָלקס-פּראָצעסיאָן,
ענטציקט און בעגייסטערט, עס זידען
פאַר שמחה די הערצער. וואָס געהט מען דאָ טהאָן?
ניט אָפּטמאָל פערברענען אַ אידען?

אַ אידען, וואָס וויל ניט פערבייטען זיין גאָט,
זיין גלויבען, זיין זיסע נחמה,
און קוקט אויף דעם בלוטיגען קרייץ מיט אַ שפּאָט
און הויכט אַזוי אוים זיין נשמה?

וואָס דען קען ערפרייען דעם פרומען שפּאַניאָל?
וואו קען ער אַ שענ'רע פאַראַדע?
דאָך ניין, דאָס איז אַלץ נאָר געוועזען אַ מאָל!
בעגראָבען איז יעצט טאָרקוועמאָדאָ.

פערוואַנדעלט אין שטויב ליעגט דאָס שלאַנגישע הערץ,
וואָס האָט קיין רחמנות פערשטאַנען,
וואָס האָט זיך געקוויקט מיט דעם אידישען שמערץ,
געלאָבט מיט דאָס בלוט פון מאַראַנען.

פערזשאַווערט זיין יעדוויעדער צוואַנגס־אינסטרומענט,
פערשוואונדען די פען און דער שרייבער,
וואָס פלעגט מיט איהר קריצען זיין מאָרד־דאָקומענט
צו קוועלען אונשולדיגע לייבער.

וואָס דען איז די שמחה? וואָס פרייט זיך די נאַכט?
וואָס זינגען די דאָמיניקאַנער?
„געבראָכען דעם שונא'ס געפעהרליכע מאַכט:
געפאַלען דער גרויסער קובאַנער"!

פער'יתום'ט געבליעבען דער שאַרפער מאַשעט,
מיט וועלכען מאַסעאָ דער זיעגער
האָט שפּאַניען די אַלטע געצאָהלט פאר איהר חטא,
געשניטען אָהן צאָהל איהרע קריעגער.

פערלאָשען די אויגען, וואָס האָבען געקוקט
אויף שפּאַניען מיט ווילדען נצחון.
דער גבור, וואָס האָט ווי א חיה פערצוקט
די זינדיגע, ליעגט יעצט געבראָכען.

דערפאַר איז מאַדריד אזוי לוסטיג און קווועלט.
געזיעגט האָט איהר בלוטיגער קאַילער:
געפאַלען איז קובא'ס געפירכטעטער העלד
אין נעטץ פון דעם שד'אישען וואַילער;

דער טייוועל, אין וועמען עס איז נאָך צו זעהן
דער גיפט פון די אינקוויזיטאָרען,
וואָס האָבען ערשטוינט דעם היסטאָריקער'ס פען,
וואָס האָט זיי בעשפּיגען מיט צאָרען.

דאָך פונקט ווי אויף יענע, אַזוי אויך אויף איהם,
אַזוי אויף זיין לאַנד איז אַ קללה.
דען דורך דעם געטומעל צוטראָגט זיך אַ שטים,
וואָס קינדיגט אָן שפּאַניענס מפּלה.

און פאַלקענווייז וואַקסען אַרויס ווי פון דר'ערד
קובאַנער, מור'ן און מאַראַנען...
אַ שרעקענס־אַרמעע צו פוס און צו פערד,
זיי קומען, מען ווייס ניט פון וואַנען.

און פריי דורך מאַדריד איז דער שווינדליגער גאַנג,
אַ מחנה פון טויטע מאַרשירער!
זיי געהען צום טאַקט פון דעם פריילינכען קלאַנג,
מאַסעאָ איז הויפּט־קאָמאַנדירער...

און לאַכענדיג געהען זיי פריי דורכ'ן שטאָדט,
די שטאָדט פון פערשאָלטענע טומאה,
וואָס האָט זיך פערטרויט אויף אַ בלוטיגען גאָט
און אויף זיינע דיענער די פרומע.

און ס'לאַכען אויך הימעל און ערד אויפ'ן קול,
זיי לאַכען פון פינסטערע טהראָנען...
אַ, לוסטיגע בעטלערקע! טויטער „אַמאָל“!
פערשאָלטענע אינקוויזיציאָנען!

פרינץ היינריך

(א באלאדע.)

פרינץ היינריך פאהרט אין זיין פרינצליכע שיף
אויף ווייטע צופרעגעלטע פלוטען,
דאס וואסער איז ווילד, דאס וואסער איז טיעף,
ער זיצט און ער צעהלט די מינוטען.

ער וויס, איהם ערוואַרט אַ בילד־שענע פרוי,
אַ יוגענד, מיט הייסען בעגעהרען,
געציערט אין אַ מאַנטעל „רויט וויס און בלוי",
בעשפרינקעלט מיט גאָלדענע שטערען.

„נו, קעפּטען, מיין קעפּטען, שפּאַר ניט קיין דאַמפּף,
קאָלאָמביאַ ערוואַרטעט מיין קומען—
מעג פיהרען דער ים זיין שרעקליכען קאַמפּף,
און מעגען די שטורם־ווינדען ברומען.

„אָ, זאָל מיך וואס שנעלער די רעפּובליק
פון „בראַווע" און „פרייע" בעגריסען.
זי האָט ערשט מיט איין יאהרהונדערט צוריק
יעם באַנד פון די פרינצען צוריסען.

„נאָך פייערט זי שטאָלץ איהר „וואַשינגטאָן טאָג"
און ציערט זיינע בילדער מיט בלומען—

צום רודער, מיין קעפטען, רודער און יאָג,
דען פונקט צו דעם טאָג וויל איך קומען.

„ווען פרייהייט פערעהרט איהר נאָבעלען מאָן
מיט קראַנצען און מיט מעלאָדיען,
אָ, דאַן, שנעל, מיין קעפטען! שנעלער! אָ, דאַן
זאָל זי פאַר מיר פאַלען און קניען.

„ווען שולע און טעמפעל קלינגען מיט לויב
צום פיינד פון די הערשער און טהראָנען,
אָ, דאַן זאָל פאַר מיר זיך וועלצען אין שטויב
די שענסטע נאַציאָן פון נאַציאָנען."

פרינץ היינריך ווערט שטיל, דער שטורמווינד שריים אויס:
„אָ, ניין, דאָס וועל איך ניט דערלאָזען!
און מעג זיין דיין קעפטען מוטהיג און גרויס,
דער מעכטיגסטער פון די מאַטראָזען,

„מיט בערג צאַם איך אָב דיין שווימענדען וועג,
און האַלט אויפ'ן ים דיך געפאַנגען.
אומזיסט, דו וועסט פרייהייט'ס הייליגען ברעג
צו וואשינגטאָן'ס טאָג ניט דערלאַנגען."

עס ליאַרמט, עס רוישט, עס וויטערט, עס שריים,
אומזיסט ווערען כחות פערווענדעט.
פרינץ היינריך קומט אָן, דאָך ניט אין דער צייט —
און פרייהייט פערבלייבט ניט געשענדעט.

דריי קרוינען

דער אכזר דער טויט איז געקומען
און האָט אונז דריי קרוינען גענומען,
גענומען אין איין אויגענבליק:
די עדעלסטע קרוין פון רעגיערער,
די טייערסטע קרוין פון באַנקירער
די הייליגסטע קרוין פון מוזיק.

וויקטאָריאַ פון ענגלאַנד געשטאָרבען,
דער ראָטהשילד פון פראַנקפורט אַ קרבן,
עס וויינען דער שווערד און דאָס געלד,
„דאָך ווערדי, מיין ווערדי פערגאַנגען,
ניטאָ מעהר דער גאָט פון געזאַנגען!“
צוטראָגט זיך דער קלאָג פון דער וועלט.

בריטאַניאַ האָט שוין אַ געביעטער,
די בערזע האָט אויך שוין אַ היטער,
פערוויסט בלייבט נאָר איין אויבען־אָן:
עס וועט די מוזיק נאָך לאַנג קלאָגען
ביז זי וועט אַ ווערדי פערמאָגען,
אַ ווירדיגען מאַן פאַר איהר טהראָן.

מיר האָבען דריי קרוינען בעזעסען.
אָן צוויי וועט די וועלט זיך פערגעסען

אַזוי ווי אַן אלץ, וואָס פערפליהט—
פערגעסען די קרוין פון רעגיערער,
פערגעסען די קרוין פון באַנקיערער,
די קרוין פון דער קונסט אָבער ניט.

שבועות

גוט יום טוב, רבותי, גוט יום טוב אונז כ'לעבען!
היינט האָט מען דאָך אונז אונזער תורה געגעבען.
אַ ביכעל מיט ווערטער ווי פּערל געקליבען,
מיט הייליגע אותיות אויף פּאַרמעט געשריעבען.
לכבוד שבועות, נו, עפענט עס, ברידער,
און לאָמיר עס דורכמישען, לאָמיר עס ווידער
בעטראַכטען און זעהן טאַקע קלאָר, אויב מיר וויסען
און היטען, וואָס גאָט האָט פערזאָגט און געהייסען!

נו, רוקט זיך זשע נעהנטער, ר' יאַקעל, ר' מיכעל!
נו, קומט, ר' גבריאל, און עפענט דאָס ביכעל!
איהר קווינקעלט?... טאָ קומט זשע, זייט מוחל, ר' בינעם,
איהר זייט דאָך אַ צדיק, איהר היט דאָך די דינים...
איהר דאַוועט?... טאָ רופט זשע, זייט מוחל, ר' שמעיה'ן,
דעם גרויסען בעל צדקה... רופט איצעל דעם דיין!
אָט לאָמיר זיך דורכרעדען, וואָס האָט איהר מורא?
איהר זייט דאָך גאָטספאַרכטיג, איהר היט דאָך די תורה...

ר' צמח, ר' למך, איהר פאַסט דאָך תעניתים...
טאָ קומט זשע! — וואָס דרעהט איהר זיך אין די טלתים?...
און רופט מיר ר' אבא'ן, ער רעדט דאָך פון גאָט נאָר,
פון „טאַטען אין הימעל" און פון זיין „געבאָט" נאָר,
און רופט יאַנקעל גבאי, דעם ראש הותיקין!
פערנומען?... זיי קענען ניט?... זאָגען איצט „תיקון?"...

א קליינינקייט איז עס אייך אידישקייט היטען!
ווי קען מען דאס מפסיק זיין סאמע אין מיטען?...

זיי קענען ניט, ווילען ניט, טאטע געטרייער!
מען ווייכט פון דיין תורה, אזוי ווי פון פייער...
א, היציגע שרייער! נאך קלינגט זייער „נעשה"
נאר קומט דאס צום חשבון איז אנדערש די מעשה.
נו, מיש איך: „לא תגנוב", „לא תרצח"... ר' חיים,
ר' טודרוס, אט דאס וויל דער בורא שמים!
וואס גלאצט איהר די אויגען? וואס מאכט איהר פאר תנועות?
ניט דאס מיינט די תורה, ניט דאס איז שבועות!

„וואס שפרינגט איהר מיר „קדוש"? מיך עקלען די האפקעס!
ווער דארף איי'רע יוצרות מחילה? די באבקעס!
וואס דרעהט איהר זיך, פונקט ווי די שלאנגען, צו מודים?
איך קען אייער פרומקייט, איך וויים, עס איז בוידים!
איהר שווינדעלט און גזל'ט און זוכט נאך א היתר...
איך פיהל ווי אט כאפ איך א דונער און שמעטער!
איהר זייט מיר קיין קינדער, כ'בין ניט אייער פאטער!
א, קרעץ פון מיין בריאה! ווי ווער איך אייך פטור?

„איהר האט קיין געפיהלען, איהר לאזט דא פערבלוטען
דעם ניצליכען, עד'לען, גערעכטען און גוטען,
און דאך קומט איהר, שאכערער, מיך צו פערדולען
מיט שענע חזנים, מיט טייערע שולען!
שבועות! זיי ווערען מיט מיר מחותנים!
חנפים! וואס האט איהר ביי מיר פאר א פנים?
אוועק! איהר פערבלאטיגטע, שווארצע נשמות!
וואס קומט איהר מיך דולען מיט איי'רע „אקדמות"?

„וואָס זוכט איהר מיר „כשרות“ און קעמפפט מיט א „סרבא“?
גיט אָב אייער פּועל די ווערטה פון זיין טרחה!
מעקט אוים אייער אונריינע גנבה־כונה!
א היים גיט דעם יתום, א הילף דער אלמנה;
וואשט אָב איי׳רע בלוטיגע, רויבערשע לאַפּעס
און קאָרמעט מיט קהל ניט מעהר קיין קהל׳שע צאַפּעס.
וואָס הייסען מיט פרומע, פערגלאָצטע הויות
אייך לעבען פון גזלה אויף זייער אחריות!“

אָט דאָס נאָר, רבותי, אָט דאָס וויל די תורה;
אָט דאָס מיינט דער נביא, אָט דאָס וויל דער בורא;
אָט דאָס הייסט שבועות, דער יום טוב פון עהרע
און אכטונג צו אונזער אונשטערבליכער לעהרע!
נאָר דאַן קענט איהר קומען און דאַוונען אָהן בושה,
זיך דבקה׳ן אין קריאת שמע און שפּרינגען אין קדושה,
און לעבען אין אכטונג, און שטאַרבען אין פריעדען,
אָט דאַן זייט איהר מענשען, אָט דאַן זייט איהר אידען!

דאָס ליעד פון די פּאָגראָמען

(פּאָלקס-מאָטיוו)

געווידמעט מיין פריינד מ. ל. גלאָס.

עד אנה השם שועתי ולא תשמע?
אזעק חמס ולא תושיע?
(חבקוק.)

ניט צו גאָט רוף איך מיט שרעקען,
ער געדענקט ניט מעהר זיין קינד.
איך וויל יעצט דעם מענש ערוועקען,
אַנצוקלאָגען גאָט אַצינד.
שרעקליך זיינען די פּאָגראָמען,
פּחדים, וועה, אויף יעדען טריט,
אַלעס לייד איך אין זיין נאָמען,
און זיין שבועה האַלט ער ניט!

אין מצרים און אין בבל,
אומעטום אין יעדען אָרט
איז פאַראַן א רויטער טאָוועל,
וואָס דערצעהלט מיין אונגליק דאָרט.
אומעטום געשטרעקט מיין לעבען
און געבאָדען זיך אין שפּאָט, —
זאָל די וועלט איהר אורטהייל געבען:
ווער ס'איז שולדיג — איך צו גאָט?

אויב די שולד איז אמת מיינע,
וואָס האָט שולד דאָס קינד אין וויעג?

וואו איז די ישרנות זיינע,
און מיט וועמען פיהרט ער קריעג?
עופ'עלעך ביים ברוסט צושניטען,
אויפגעשטאָכען אויף אַ שווערד, —
ווער האָט נאָך ווי איך געליטען
דאָ, אויף דער פערשאָלט'נער ערד?

גיפט איז אין מיין ברויט געקנעטען,
און מיין וואַסער איז פערגאַלט.
איך פערגעה, די שונאים שפעטען,
און די רשעות ווערט ניט אַלט...
גזרות שטראָמען ווי די וועלען
אין דעם ווילדען אָקעאַן,
און איך קען קיין פוס ניט שטעלען,
וואו קיין אָבגרונד איז פאַראַן.

פריה און שפעט מוז איך נאָר שרייען,
דען דער טויט איז פאַר מיין בליק;
דאָך, מיין גאָט וויל ניט בעפרייען,
לאָזט מיך אַלץ ביי'ם פיינד צוריק.
בעטלער זיינען מיינע שררות,
אַ, ווי גרויזאַם איז די שטראָף!
ליידען לייד איך איוב'ס צרות,
און איך האָב ניט איוב'ס סוף.

ער האָט מיר פערטרויט זיין תורה,
זי איז מיר דאָס אויג אין קאָפּ —
דורך סכנות און דורך מורא
טראָג איך איהר און גיב ניט אָב.

דאָך איך מוז די אויגען בלענדען,
ביי די שונאים בעטלען געהן,
און ער לאָזט זיין תורה שענדען,
און ער וויל ניט העלפען, ניין!

„שמע ישראל" איז מיין צייכען,
„אונזער גאָט איז איינער נאַר",
און דאָס קאָסט מיר בערג מיט לייכען
מעהר שוין ווי צוויי טויזענד יאָהר.
כ'האָב אַ מאָל מיין מוטה בעוואונדערט
אין דער גרויסער, שוואַרצער נאַכט,
דאָך דער צוואַנציגסטער יאהרהונדערט
האָט מיך ענדליך מיעד געמאַכט.

קנוטלאַנד, אָ, דו מיין גיהנום!
קנוטלאַנד! מיין פערדאַמטע רוט!
דו צוהאַקסט מיין לייב בחינם,
דו פערגיסט אומזיסט מיין בלוט.
פאַר די מענשהייט קניע איך ניעדער,
מיטלייד בעט איך, אויב זי האָט,
קנוטלאַנד קלאָגען מיינע ליעדער
און זיי קלאָגען אָן מיין גאָט!

צו די פויגעל

ניט זינגט מיר, פויגעלאך געטרייע!
פון מאי, פון פעלדער פרישע, פרייע,
וואס נוצט מיר אייער ליעד?
אומזיסט! איהר דארפט זיך ניט בעמיהען,
איך ליעב נאר טרויער־מעלאדיען,
א איד בין איך, א איד!

א, זינגט פון זיפצען, זינגט פון טרערען!
א אומעדיגעם לאזט מיך הערען!
דאס פאסט צו מיין געמיט.
מיט טרערען האט מען מיך געזויגען,
אויף זיפצען בין איך אויפגעצויגען,
א איד בין איך, א איד!

איך בין ווי דער בית־עולם־ווארים:
איך קען נאר מתים, קען נאר קברים,
וואו קיין לעבען בליהט.
א, וויינט! וויינט, פויגעלאך געטרייע!
אויף אלטע חורבן׳ס און אויף נייע...
א איד בין איך, א איד!

ווייַנאַכטס-גלאָקען

קלינגט אויס, קלינגט אויס, איהר ווייַנאַכטס-גלאָקען !
זאָגט אָן דעם הימעל און די ערד,
פיעל מאָל איהר האָט די וועלט געשראָקען,
פיעל מאָל איהר האָט געוועקט דעם שווערד !

קלינגט אויס, און זאָלען אַלע שטערען
בעהאַלטען זייער זיסען פראַכט !
זאָל די לבנה דונקעל ווערען
און ניט בעלייכטען אָט די נאַכט !

דען פינסטערניס האָט איהר פערקינדיגט
זייט יאָהרען און זייט דורות לאַנג.
אָ, וועה, ווי האָט די וועלט געזינדיגט,
דאָס זי מוז הערען אייער קלאַנג !

נאַכט און מאָרגען

עס לייכטען די שטערענדלעך העל דורך די נאַכט
און שיינען, און גלאַנצען, און גליהען.
זיי וועקען אַרום אַזאַ געטליכען פּראַכט,
זיי וועקען אין האַרץ אַזאַ הייליגע מאַכט,
אַ לוסט אין די וועלטען צו פליהען.
עס גלאַנצען די הימלען ערהאַבען און ריין,
פערלאַנגענס גאַר זעלטענע שוועבען.
די ערד איז פערפינסטערט, דער הימעל איז שען,
דאָס לעבען איז קורץ, און דער מענש איז אַליין.
ווי גוט דאָס איז העכער צו שטרעבען!

נאָר פּלוצלונג אַ דונקעלע כמאַרע פערשטעלט
די ליכטיגע מנורות פון אויבען.
פערשוואונדען דער צויבער, פעראומערט די וועלט,
אַ וועה רעדט אַראָב פון דעם הימעלס געצעלט,
פערהאַנגען די האָפענונגס שויבען.
דאָך אונטער די וואָלקען, דאָרט וועבט זיך אַ שיין,
דאָרט רעגט זיך אַ בלוטיגער מאָרגען.
אַ זונן, יאַ, אַ פּרעכטיגע זונן וועט דאָס זיין.
עס דעמערט... אַ, וואָרט נאָר, עס ברעכט באַלד אריין
דער טאָג, וועלכער ליעגט נאָך פערבאָרגען.

א רגע

אל תתהלל ביום מחר
כי לא תדע מה יולד יום.
(משלי.)

וויין ניט אויף די צייטען, וואס פערשוועבען,
לאז צו־רוה אומזיסטע זארג און פיין!
קלאג ניט אויף דעם אבגעלעבטען לעבען,
וועלכער איז שוין מעהר געווים ניט דיין.

יעדער טויטער „נעכטען“ מאכט דיך קליגער,
ווייזט דיר אן די שטערבליכקייט פון „היינט“.
נאר אין אויגענבליק ביזט דו א היגער,
מיט דער רגע נאר ביזט דו א פריינד.

זעה, ווי טעג און יאהרען שווינדען, זינקען.
שנעלער, ניט פערנאכלעסיג דעם „שוין“!
ווען דו שטעהסט ביים ברונען, זאלסט דו טרינקען...
יעצט געארבייט; יעצט פערלאנג דיין לוין.

ניט דיין וויינען העלפט דיר, ניט דיין קלאגען.
דאס, וואס איז אוועק, דאס קומט ניט מעהר.
וואס די ווינדען פון דער צייט פערטראגען,
ברינגט דיין זיפץ ניט מעהר צוריק אהער.

פיעל „היינטס“ זיינען „נעכטענס“ שוין געוואָרען,
„היינטס“, וואָס זיינען „מאָרגענס“ אַלץ געוועזן.
אַך, אויך היינט'גער „היינט“ וועט געהן פערלאָרען,
אויב דו האָסט איהם נאַכלעסיג פערזעהן.

מענש, דו האָסט ניט מעהר דאָ ווי מינוטען,
איידער דיך מאָהנט אויף די קאַלטע ערד,
נעהם דיין חוב! מיט בעזען צו מיט גוטען,
קעמפפען מוזט דו געגען שיקזאַל'ס שווערד!

דער אלטער בוים

עס שטעהט אַ בוים צופוילט און דאַר,
אונ פול מיט וועהטאָג רעדט ער. —
עס ערגערט איהם, דעם אַלטען נאַר,
וואָס דאַרטען וואַקסען בלעטער...
שווייג שטיל, דו נאַר! וואָס העלפט די רייד?
די טעג און יאהרען פליהען, —
דער פאַלט, דער שטעהט, דער קומט, דער געהט,
דו קענסט ניט אייביג בליהען...

פערגעסען

פריינד, פערעהרער און חברים
האָב איך גאָר א סך געהאַט,
ווען די צייט האָט מיר געשמייכעלט
און געמאַכט מיט פריידען זאַט.

מיט די שענסטע קאָמפּלימענטען
האָבען זיי פאַר מיר געטאַנצט,
ווען מיין מזל האָט געלויכטען,
ווען מיין שטערען האָט געגלאַנצט.

אָ, ווי האָבען זיי בעזונגען
מיך, אַזש ביז דער שפּראַך'ס באַנקראָט!
אין די הימלען מיך געהויבען,
פונקט ווי איך וואָלט זיין א גאָט.

איצטער, ווען אַוועקגעוואָרפען
האָט דאָס גליק מיך אָן א זייט,
האָבען יענע אַלע שמייכלער
צו בעזוכען מיך קיין צייט.

איינזאַם איז מיין קראַנקען־צימער
ליעג איך טרויעריג אַליין,
נאָר די וואונד די שטומע הערען
מיינע קרעכצען, מיין געוויין.

פון די סך'ן געסט און קרובים
קומען אָפּט נאָר צוויי אריין:
קומט די זון אָפּט מיט אַ שמייכעל,
די לבנה מיט איהר שיין.

ווען איך גליה אין נערוועו־פיעבער,
הער איך, נאָר איך וויס ניט וואו—
ווי מען לייענט מיינע פערזען
און מען שילט מיך נאָך דערצו!

„אז געהרג'עט זאָל ער ווערען!
זאָל אַ בראָך נאָך איהם פערגעהן!
זיינע ליעדער זיינען טאקע
אמת, אידישלאַך און שען!"

דאָס, אַ, זיינען די מתנות
פאַר דעם אידישען פּאָעט,
ווען עס גלאָצט איהם שוין אין פּנים
סיי־ווי־סיי די טהרה־ברעט!

גוטע, פאַלשע חסידים מיינע,
גלאַטע צינגער, קומט צו מיר!
שמייכעלט מיר אַ ביסעל אונטער!
וואָס אנטלויפט איהר פון מיין טהיר?

קומט! איך טראָג אויף אייך קיין שנאה,
וואָס איהר האַלט פון מיר זיך ווייט.
איך האָב פריהער נאָך פערשטאַנען,
וואָס פאַר חברה־לייט איהר זייט.

אָ, איך קען די מענשענס שוואַכקייט!
זיי'רע גיינג איז מיר ניט ניי,—
כ'האָב צופיעל ערנסט ניט גענומען
אייער פריינדשאַפט סיי־ווי־סיי.

ווען איך וועל אין עלענד שטאַרבען,
שטיל, פערגעסען, פאַר דער צייט,
וועלען נאָך מיין וואָגען נאָכגעהן
גאַנץ בכבוד'יגע לייט.

עס וועט דאַמאַלס זיין אַ עהרע
אונטערפיהרען כאַטש דעם פערד,
און נאָכדעם אַרויפצושיטען
אויף דעם גרוב אַ רידעל ערד.

אין דער פינסטער

פער'יתום'ט שטעהען זיי און שטום,
די ביכער אין פערשלאָס'נעם שראַנק,
אין אומעט שוועבט זיי דאָרט ארום
מיין יאוש־פינסטערער געדאַנק.

אויף אייביג, אייביג בלייבען זיי,
די ביכער מיינע צוגעמאַכט!
די טרייסטער אין מיין לעבענס־וועה,
די שטערען אין מיין עלענדס־נאַכט!

זיי האָבען מיר אַ מאָל געשיקט
אַ ליכט אויף מיין צו דונק'לען וועג,
און מיך מיט האָפנונגען געקוויקט
אין גלות־שוואַרצע נעכט און טעג.

געפונען האָב איך אין דעם בוך
דעם פלאַם, וואָס האָט מיין גייסט געגנעהרט;
די וואָפען געגען שיקזאַל'ס־פלוך,
מיט וועלכע איך האָב זיך געוועהרט.

דאָך זייט מיך שרעקט אַ לאַנגע נאַכט,
אַ ביסטרע בלינדקייט, איז פאַר מיר
דאָס לעבען אַ פערלאָר'נע שלאַכט,
דאָס בוך — אַ פוסטע שטיק פאַפּיער.

אדיע, איהר ביכער! שטיל און שטום,
בעגראבען בלייבט איהר אין מיין שראנק,
אין אומעט שוועבט אייך דארט ארום
מיין יאוש־פינסטערער געדאנק.

קונסט און לעבען

רייך איז דאָס לעבען,
ערהויבען און גרויס.
אָ, לאַך עס ניט אויס!
דו קענסט עס ניט געבען.
דו קענסט עס ניט נעהמען,
דו ביזט די עקסטרעמען
צו שוואַך צו רעגיערען.
און האָסטו דעם קערען
פון שאַפען און „ווערען“,
נאַטור צו קאָפירען
לויט קינסטלער געבאָט,
דאַן וועלען די מענשען
דיך ליבען און בענשען,
דאַן ביזטו א גאָט.

דער דיכטער

װאָס קרעכצען די ענגעל און געטער?
װאָס שװאַרצט זיך דעם הימעל'ס לאַזור?
װאָס זיפצען די בלומען און בלעטער?
װאָס בליקט אַזױ קראַנק די נאַטור?

װאָס זײַנען די מוזען פֿעראומערט;
געהילט אין אַ שװאַרצען װאָאַל?
װאָס פֿאַלט עס פֿון אױבען בעקומערט
אַראָב מעלאַנכאָליש דער שטראַהל?

װאָס יאָמערט דער װינד אױף די ים'ן?
װאָס רױשען די בױמער מיט שרעק?
װאָס קומען זיך פֿלוצלונג צוזאַמען
די װאָלקען און פֿליהען אַװעק?

װאָס קראַכט דאָס און ברומט מיט נצחון?
װאָס צוקט דורך די לופֿט רױט און שאַרף,
אַט פּונקט װי עס װאָלט זיך צובראַכען
אַ שטערבענדען דיכטער'ס אַ האַרף?

װאָס װײנט דאָס אַרונטער?... פֿערגאַנגען
איז איצט דער פּאָעט. אַ, דערפֿאַר
איז אַלעס מיט טרױער פֿערהאַנגען,
איז אַלצדינג אין עלענד און צער.

דאָך הערט זיך אַ הייליג געזאַנג,
אַ הלל צום דיכטערשען ראַנג:
עס זינגען אין אייביגען כאָהר
נשמות ערהויבענע נאָר:

„וואָס וואָהר און שען
וועט ניט פערגעהן —
לאַכט אוים די צייט,
און שווינד'ט ניט, ניין!
דאָס גרייכט אוים ווייט,
אַ אייביגקייט,
ווי גאָט אַליין.
דעם גייסט, וואָס שאַפט
מיט קינסטלער־קראַפט,
ערוואַרט קיין נאַכט
און זיין געזאַנג
פול הימעלסמאַכט —
קיין אונטערגאַנג.
דער דיכטער לעבט
אין זיין געדיכט;
זיין זעעלע שוועבט
אין ריינעם ליכט;
אין פויגעל'ס שטים
דערקענט איהר איהם;
אין בליץ און ברען
זיין שאַרפע פען;
אין פרישען טוי
זיין שענע טרער;

אין הימעל׳ס־בלוי
זיין ריין בעגעהר;
אין ליליע־בלום,
פערקלערט און פרום—
זיין ליעבע ריין,
זיין ליעבע שען
און אהן א מום;
אין דונער׳ס ברום
זיין ווילדען כעס,
וואס ווייס קיין שפאס;
אין בריימען ים
זיין בריימעס הערץ
און אין דעם תהום
פון ווילדען שמראם
זיין מיעפען שמערץ.
זיין ב׳האלט׳נעם פלאם.“

און גלייך האט גענומען דער הימעל זיך קלערען,
און הויך אויף א שטראהל צו די גאלדענע שטערען
ארויף איז די ריינע נשמה פון דיכטער
צו שאינען דארט, צווישען די אייביגע ליכטער.

הומאָרעסקען און סאַטירען

אומזיסטע כחות

איך האָב מיר אין אַ ליעד א מאָל
דעם עולם אָבגעשמיסען,
געשאָטען שמיץ גאָר אָהן אַ צאָהל,
גאָר פראָסט די הויט געריסען.

די קהל'ס־ליִיט און די גאָלד'נע פּאָחן,
כ'האָב אַלעמען געגעבען,
דעם פּאָליש און דעם אויבען־אָן:
דעם בעדער און דעם רבי'ן.

דערנאָך האָב איך קיין מיה געשפּאָרט,
איך בין געגאַנגען הערען:
וואָס רעדט מען דאָ, וואָס רעדט מען דאָרט,
וואָס בני ישראל קלערען.

איך גיב די מזוזה מיר אַ קוש
און געה, און טרעף דעם רבי'ן:
„אוי, לעבען זאָלט איהר פאַר דעם דרוש,
איהר האָט זיי גוט געגעבען.“

מיך טרעפט אַ איד און נאָך אַ איד,
דער מוהל קומט אין מיטען:
„איך האָב געלייענט אייער ליעד,
איהר האָט זיי גוט געשניטען.“

דער שוחט מאכט אזש מיט די הענד,
איך זעה זיין שמחה בולט:
„איהר האט געוויזען וואס איהר קענט,
איהר האט זיי פראסט געקוילעט.“

דער מלוה זאגט: „איהר קענט, איהר קענט.
דאס זיינען אנד'רע דרכים,
איהר האט געצאהלט זיי מיט פראצענט,
געצאהלט זיי מיט רוחים.“

דער גבאי קומט אנטקעגען מיר,
עס ריידען פופצעהן שתיות:
„איהר האט געטיילט זיי וואויל, א בחיר,
די ריכטיגע עליות.“

דער חזן מאכט דאס קורץ און שארף:
„דאס דריידעל איז געלונגען,
איהר האט געדאוונט ווי מען דארף,
איהר האט זיי פיין געזונגען.“

דער בעדער שרייט, איך הער זיין קול:
דער פנים זיינער זשארעט —
„איהר זייט א בריה אויפ'ן פאל,
איהר האט זיי גוט געפארעט.“

נו, טהו איך מיר אין שוהל א געה,
דער גאנצער עולם פרעהט זיך:
„ס'איז גוט אויף זיי, ס'איז גוט אויף זיי,
מסתמא, עס פערשטעהט זיך.“

איך בלייב צומישט, איך בלייב פערטראכט,
און לאך מיט „קאלטע צייהנער“ :
איך האב פערוועגדט מיין גאנצע מאכט
און ליידער פיהלט דאס קיינער.

צו די פורים־שפּיעלער

קינדער, וואַרפט אַוועק די מאַסקעס!
שעהמען דאַרפט איהר זיך אַצינדער —
מעגט איהר זיך ווי גוט מאַסקירען,
זעהט מען אַלץ, אַז איהר זייט קינדער.

לאָזט די גרויסע זיך פאַרשטעלען —
מאַסקעס דאַרף מען קענען טראָגען,
ווען מען וויל דעם עולם נאַרען
און צו עפּעס זיך דערשלאָגען.

דעם, וואָס ווייס זיך ווי צו פאַרבען,
האַלט די וועלט פאַר אַ געשייטעי —
ער איז חריף, ער איז יחסן,
און איז נושא חן ביי לייטען.

וואַרפט אַוועק די שווערדלאַך, קינדער!
לאָזט דאָס פיר די גרויסע מענער —
פוי, איהר מאַכט זיך מעהר ניט נאַריש! —
ניין; דערצו זייט איהר קיין קענער.

איהר זייט קינדער גאַר אָהן שכל;
ציהט דעם שווערד נור צום געלעכטער.
אָבער זיי — עס בליצט דער דעגען!
אָבער זיי — זיי זיינען פעכטער!

װען עס טרעפט, זײ האָבען חשק
זיך צו שפּיעלען אין מלחמה,
רינט דאָס בלוט, עס פליעסען טרערען
און עס ציטערט די נשמה.

אויך קײן דרעהערס דאַרפט איהר, קינדער!
דרעהען מוז מען דאָ שטודירען,
דרעהען איז די גרעסטע חכמה
יעצט פון אונזער עקזיסטירען.

נו, אין פערדלעך קענט איהר שפּיעלען?
פערד צו זײן איז הײנט אַ עהרע —
אַ, מיר האָבען פערד בעװאוסטע
ליטעראַטען, רעדאקטערע.

מאַנכע זײנען גאָר ערהױבען,
און זײ שפּיעלען גרױסע ראָלען—
גײן, אַלס פּורים־שפּיעלער, קינדער,
װעט ערשט שפּעטער אײך בעצאָהלען...

דער עגל

נעשה לנו אלהים אשר ילכו לפנינו.

דאָס שרייען דאָס מיט ווילדע קולות יעקב׳ס בנים,
בעפאַלענדיג דאָרט אהרן׳ען ווי וואַלד־גזלנים?
„א גאָט פערלאַנגען מיר!“ — צוטראָגען זיך די גוואַלדען —
„וואָס ער זאָל געהן פאַר אונז און זאָל מלחמה האַלטען:
דען משה, וועלכער האָט בעפרייט אונז פון מצרים,
ער זוימט זיך עפּעס... שנעל! אהער א גאָט א נייעם!“

און אהרן איז קיין נאַר און פּאַלט אויף איין המצאה:
„איהר ווילט א גאָט, חמורים? גוט, מיר טהוט׳ס הנאה.
א גאָט? אָך, אויסגעצייכענט! איך האָב נישט דאַגעגען,
נו, שנעל דאָס ביסעל גאָלד! אהער מיר דאָס פערמעגען!
אהער דאָס ביסעל צירונג מיר, אהער אין גאַנצען!“
איהר זעהט א שמחה? „מע“, ווי צאַן קדשים טאַנצען!

מען רייסט אראָב די אויערינגלאַך, די רינגען,
אין גאַנצען לאַנגער הערט מען גאָלד און גאָלד נאָר קלינגען.
עס ווערט א גאָלדענער באַרג, א גרויסער גאָלדנער טורעם,
באַלד ווערט א גאָט!... וואו נעהמט מען אַזאַ גרויסען פורעם?
נישט האָט קיין עגמת נפש, ברידער, האָט קיין שרעקען:
דאָס געהט דאָך אַלץ צום כ ה ן!... הלואי זאָל קלעקען!....

און אהרן האָט גענומען מיט די אויגען גלאָצען
(איהר מעגט שוין נאָך דעם בערגעל אָבזאָגען יהי רצון...) —
ער האָט עס וואויל געמאכט, דער עסק איז געלונגען.
עס איז פון גרויסען בארג מיט גאָלד ארויסגעשפּרונגען —
א טויזענד אָקסען, מיינט איהר, האָ? נו, זייט צופריעדען
אויך מיט א קליינע קעלבעל,, מיינע ליעבע אידען.

בלעטלאך פאזע וועג

דער גלות־איד.

הערטער זיינען זעהר ביליג
אונ דער סידור איז קיין בער,
שטעהט דארט „ציון", איך בין וויליג
דאס צו זאגען און — ניט מעהר.

פאהרען פאהר איך וועו איין ברירה,
אבער ניט נאך ציון, ניין!
ס'איז אפילו אן עבירה
נאך אמעריקא צו געהן,

דאך איך האב אן אנדער דעה,
מעג דאס לאנד זיין טריף און קרום—
כשר איז דארט די מטבע,
כשר איז זי אומעטום.

חרוב איז שוין לאנג מיין הייזעל
דארט אין ציון, אבער דא,
מאך איך מיר א נייע „קלייזעל"
אין א מזל'דיגע שעה.

יאָ, אַ „קלייזעל“ און אַ „ברייזעל“
און אַ הייזעל, וואָס טראָגט רענט,
מאַכט זיך ווען אַ „הייזעל־מייזעל“
און אַ מעשה, אַז עס ברענט,

ווער איך ניט אַזוי בדלות,
ווי אַ מאָל אין דוד׳ס שטאָדט—
האָב איך שטאַרק פערזיכערט אַלעס,
ווייטער איז פאַראַן אַ גאָט...

אין אוגאַנדאַ וואָלט איך לויפען,
דען אַ היים האָט דאָך אַ ווערטה,
אָבער אויף אַן אַנדער אופן,
ניט אויף אַקערען די ערד.

אַקערען, — אַ מזל ברכה!
פעדלענדיג פערדין איך מעהר.
וועלכער טייוועל דאַרף אַ סאַכע?
גיט דעם פעקעל מיר אַהער!...

מזמור לתודה.

מאשפות ירום אביון.

(תהלים)

א לויב צו איהם, אַ דאַנק צו איהם,
צום גוטען גאָט אַ לויב!
אַ, ער פערנעהמט דעם שוואַכענס שטים
און ער ערהייבט פון שטויב.

דעם אָרימאַן, דעם ביטערען,
בעפרייט ער פון זיין ציטערען
און ברענגט איהם אויבען־אָן.
אָ, ע ר קען אַלצדינג טהאָן!

איך האָב געליטען און געהאַרט,
געהאָפט אויף זיין גענאָד,
די האָפנונג האָט מיך ניט גענאַרט,
איך האָב זיך סוף כל סוף דערוואַרט,
אָ, עס איז דאָ אַ גאָט!
דורך פרומקייט און דורך גלויביגקייט
האָט מיך דערהויבט זיין אייבינקייט,
ערהויבען גאָר און גאָר,
ביז אויפ׳ן פינפטען פלאָר...

א קריטיקער.

„וואָס מיר דיכטער? וואָס מיר ליעדער?"
הער איך ווי דאָרט רעדט אַ איד,
„קוים נאָר גראַמט זיך ווידער־סידור,
הומער־פרומע — הייסט דאָס ליעד.

פעהלען דען אין אידיש ווערטער?
וועלכע חכמה שטעקט דערביי?
ערטער, הערט ער, שטערט ער, קלערט ער,
און עס קלינגט, און עס איז ניי."

היי, זייט מוחל דאָרט, ווי הייסט איהר?
נאָך א גראָם, פערגעסט דאָס נים!
בילט נים, ס'גילט נים, מכות ווייסט איהר;
דאָס, ר' איד, איז אויך א ליעד.

אמעריקא.

אמעריקא, דו לאַנד פון צוקער,
אמעריקא, דו לאַנד פון גאָלד,
ווי ביטער איז אין דיר דאָס לעבען!
ווי שלעכט ווערט דאָ דער מענש בעצאָהלט!

א, לאַנד, וואָס דיינע שיפען, באהנען,
דורכקרייצען שנעל אי לאַנד, אי פלוס,
ווי הינטערשטעליג איז דיין פאָלק נאָך!
ווי געהט דער עולם דאָ צו פוס!

א, לאַנד פון פרעדיגער און רעדנער,
פון גלאַטע פראַזען, חיטרען ציעל! —
ווי לייִדט דאָ שוויַיגענדיג די מאַסע!
ווי שטאַרבט דאָס פאָלק פאַר הונגער שטיל!

א, וואונדערלאַנד! א, וואונדער־מענשען!
אַנשטאַט דעם לעבענם צוקער־ראָר,
ווי לאַנג וועסטו, א, קאַלטער יענקי,
דאָ קאַיען שיקזאַלם טאַבאַק נאָר?...

אומשטערבליכקייט.

אַן אַלטע זאַך, וואָס ווערט אַלץ נייער:
וואָס נאָר די ערד דעקט צו איז טייער.

דער נוסח איז זיך דאַן משנה:
דער לומפּ איז דיר ניט מעהר מקנא,

דער אויסוואורף געהט דיך ניט בערריידען,
דער בור דערצעהלט ניט, אז ער „קען" דיך,
דער חמור — אז ער האָט „געזעהן" דיך,
דאַן חנפה'ט מען זאָגאַר דיין ווידען.

מען זוכט שוין אַלערהאַנד זכות אבות,
ווי גיך דו ווערסט נאָר אַ בן מות.

פּעסימיזמוס

די וועלט איז אַ צו'הרג'עט ליעד,
אַ וויסטע שטיק בדחנות!
עס האָט קיין גראַם, עס האָט קיין טעם,
און עקעל בנאמנות!

עס האָט קיין גייסט און קיין געפיהל,
עס פּאַסען ניט די ציילען.
אַ גוטע שורה וואו־ניט־וואו,
אַ שלעכטע ציהט זיך מיילען...

וואו כאַפּ איך ערגעץ דעם פּאַעט,
איך זאָל איהם קענען ווייזען
דעם פאַלשען „משקל“ אומעטום,
די „תנועות“ מיט די גרייזען?...

איך זאָל איהם פרעגען ווי ער קומט
אַזאַ מין קוואַטש צו דיכטען,
און אויב ער לאָזט דאָס ווי דאָס איז,
אויף קיינמאָל צו פערריכטען?

II.

אַ טעות איז די וועלט, באַנקראָט
פון אָנהייב ביז צום סוף,
עס האָט איהר אַ בעטרונק'נער גאָט
בעשאַפען אין זיין שלאָף.

ער האָט געגענעצט און געלאַכט,
ניט ווּיסענדיג זיין שולד,
איצט זיצט ער ברייטלאַך און בעטראַכט
די מענשליכע געדולד.

אַ, גאָט, דיין וועלט איז שטאַרק ניט גוט!
אויף צרות איז דיין ערד!
זי שמעקט מיט בראַנפען און מיט בלוט
און גלאַנצט נאָר מיט'ן שווערד...

נו, היט זיך מיט א קאָפּ פול וויין
ווי דו בעטראַכסט דיין בלענד,
דען ווערה דעם גאָט וואָס פאַלט אַריין
ביי מענשען אין די הענד!...

א לענדלאָרד

איך בין א לענדלאָרד און פערמאָג
א הויז מיט טויזענד לעכער,
דאָס ברינגט די איינוואָהנער נאָר קלאָג,
דאָך ווערט עס טהייערער פון טאָג,
עס שטייגט די רענט אַלץ העכער.

די שכנים שרייען, כ׳לאָך מיך אוים!
זיי קענען גאָר ניט מאַכען—
איך היים, מען שליידערט זיי אַרוים
און גאָס מיט זיי׳רע זאַכען.

עס שרייט די וועלט: „עס איז א צער“,
וואו קריכט עס מיר אין פּאה!
איך זיץ און רויכער מיין ציגאַר
און צעהל מיר די מטבע.

דער שכור

זייט זעכציג יאָהרען טרינק איך שוין
פערשיעדענע געטראַנקען,
דאָס שמעקט אַזוי, אז קיינמאָל קומט
דער טויט אויף מיין געדאַנקען.

דאָך בין איך וועגען אויגען־שמערץ
אַוועק צו דאָקטאָר שינדער,
ער זאָגט: „הער אויף צו שכור'ן,
זאָנסט בלייבסטו נאָך אַ בלינדער!“

מיר בלייבט עגאַל, איך שכור דאָך,
און ווערט דאָס איינגעזונקען!
געזעהן האָב איך שוין גאַנץ גענוג,
דאָך ניט גענוג געטרונקען.

גלגל החוזר

דער פויגעל האָט געזונגען בחיר,
איך האָב איהם נאָכגעמאַכט,
זיין ליעד גענומען אויף פאַפיער,
צום פּאָבלישער געבראַכט.

דער פּאָבלישער האָט מיר בעדאַנקט
מיט אַ מטבע גיך.

איך האָב דעם שוסטער דאָס דערלאַנגט
פאַר פיקסען מיר די שיך.

עס האָבען שיך און פּאָעזיע,
און דראַטווע מיט געזאַנג
פעראייניגט זיך (איהר זעהט דאך ווי!)
און אויף אַ גלייכען גאַנג.

קוסען

נו, גענוג, גענוג מיך קוסען,
אַך, ווי ציטער איך דערפאַר!
קוסט מיר אוים דעם גאַנצען שכל
און איך בלייב אַ ווילדער נאַר.
דען ווי לאַנג איך הער נאָר קלינגען
דיין געשמאַקען, פאַלשען קוש,
זוך איך אויף דיין זיסע פאַלשקייט
אין מיין הארץ אַ שטיקעל זכות.

* * *

קוש, געליעבטע, קוש מיך ווידער,
איצט איז גראָד די בעסטע צייט.
מאַך מיך דום, איך זאָל ניט וויסען,
וואָס דיין פאַלשער קוש בעדייט.
דען ווי לאַנג איך בין ביי'ם שכל,
ווייס איך פון דיין קוש דעם מיין.
אַך, ווי גליקליך וואלט איך ווערען,
ווען איך זאָל עס ניט פערשטעהן.

א סקעב

איך האָב אַ מאָל געקענט אַ סקעב,
וואָס האָט צום באָס געוואונקען.
ער האָט געטהאָן אַ ווייל אַ לעב,
געגעסען און געטרונקען,
פערבלאָזענדיג דיא „יוניאָן־נאַרען“
מיט׳ן רויך פון טייערע ציגאַרען.

דאָך ווען דער סטרייק האָט זיך געענדיגט
די סטרייקער צו דערהויבען,
דאָן האָט ער נעבאך נאָר „געשמעקט“
און ניט געהאַט צו רויבען.
און שטאָט צו זיין דעם באָס׳ אַ לעקער,
פלעגט ער נאָר חנפ׳ענען דעם בעקער...

דער „סטאָר באָרדער“

ניטאָ וואָס איבעריגס צו זעהן,
אַ מאַן ווי אַלע מענער.
די „מיסעס“, אָבער, זאָגט „ער קען“,
זי האַלט איהם פאַר אַ קענער.

און וואָס ער טהוט דאָס בלייבט געטהאָן,
און וואָס ער זאָגט איז קודש,
ער איז אין שטוב אַ גאַנצער האָהן
אַ גאַנצער פרנס חודש.

ער פּאַשעט זיך אַ פּעטען בויך,
ער פּאַקט זיך מעהר ווי אַלע,
ער קריעגט די אויגען פון דער יויך,
די פלעכטיל פון דער חלה.

ער איז אַ תקיף נעבען טיש,
און אַלץ איז לויט זיין ווע‌לער,
דער רעכטער מיטען פון די פיש
איז שטענדיג אויף זיין טעלער.

די קינדער בלייבען ווי פערשטומט,
זיי ציט׳רען פאַר זיין פּאַרע:
„דער באָרדער גערזם, דער באָרדער קומט,
טרעט אָב און מאַכט אַ וואַרע!"

אַזוי קוועלט אַן דעם באָרדער׳ס גוף
מיט גוטעס און מיט זיסעס,
אוי, ביז דער „מיסטער" כאַפּט זיך אויף
און ער צופּאַטשט די מיסעס...

טשאָלענט

בויך־וועהטאַג פערדרוקט אין אויוועך
לכבוד שבת מיט קלאָפּאָט,
מיט קללות און מיט לויב צו גאָט,
און פול מיט האָפנונג, אז דער מבין

אויף עכטע אידישקייט — ר׳ מייזעל,
וועט, קומענדיג א היים פון קלייזעל,
זיך שטארק דערלאַבען מיט דעם מאכל...
און גלעטענדיג זיך באַרד און בייכעל
ביי אַ רביעית׳ל מיט האריק,
צוזינגען זיך ווי א קאַנאַריק.
און דאַנקען גאָט, און אגב בריינע׳ן,
וואָס וועט ווי די לבנה שיינען;
און וועט דאַן אי פערליעבט, אי הייליג,
אָהן טענות פיעל
דערלאַנגען שטיל
איהר ליעבען פרינץ דעם בעסטען חלק.

אַמאָל און היינט

ווען די אידען פון מצרים
משה האָט אַ מאָל בעפרייט,
איז די וועלט געווען אַ ווילדע,
און פון חכמה זעהר ווייט.
אָבער איצטער ווערט דאָס וועלטיל
קליגער, וויסענדער פון שעה,
איצטער האָט זי אַלעס, אַלעס,
נאָר קיין משה איז ניטאָ.

ביי די אידען אין דער מדבר,
גאָר פאַרצייטען, גאָר אַ מאָל, —

האָט מען ניט געקענט קיין חברות,
ניט געהאַט קיין ראש הקהל.
אָבער איצטער האָט, מיט מזל,
אידישקייט אַן אַנדער פּלאַן.
אַלץ איז דאָ, נאָר לײדער זײנען
מעהר קײן אידען ניט פאַראַן!

געדיינק!

האָסטו דעם דיכטער בייז געמאַכט,
האָסטו פערדיענט זיין קללה,
האָן ציטער! האָסט אויף זיך געבראַכט
דיין אייביגע מפלה.

דו האָסט געשטעלט דיין זעעל אין קאָן,
דו האָסט פערשפיעלט דיין לעבען;
ער שיקט אויף דיר די גייסטער אָן,
דו זאָלסט זיי חשבון געבען.

און ראַכע נעהמען זיי מיט כעס
פון דיר, געמיינער זינדער!
דער הימעל לאָזט נים מאַכען שפּאַס
מיט זיינע מוזענקינדער.

עס שלאָגט אַ דונער מיט אַ ברען
דיין „איצטער" און דיין „שפּעטער",
דו ווייסט נים ווי דאָס ווערט געשעהן
און ווייסט נים פון קיין רעטער.

עס טרעט אַ ווילדע קראַפט ארויס,
אַן אשמדאי אין צאָרען,
ער שלינגט דיך איין און שפּייט דיך אויס
צו אַלל' די שוואַרצע יאָהרען.

אָ, ציטער פאַר דעם דיכטער'ס שטים!
ניט טשעפּע, ניט צורייץ איהם!
דער הימעל נעהמט זיך אָן פאַר איהם,
די העלל מיט איהרע לצים.

דער טערקישער למנצח

אן ענטפער צו ענגלאנד.

צוקאך זיך נים, געטרייע שוועסטער,
דיין חוב איז אָסור ניט דער גרעסטער,
אללאה, אללאה.
ווען איך זאָל יעדען דארפען שטעקען,
וועט מיר אויף אָנבייסען ניט קלעקען,
אללאה, אללאה.

דער מאָהנט פאר קוגלען, דער פאר ביקסען,
און יעדער איינער וויל מיר „פיקסען".
אללאה, אללאה.
א יעדער איינער שרייט: „אהער קעש!"
דאָך איך צאָהל אלעמען אויף טערקעש,
אללאה, אללאה.

קאַצאַפּ פערמעסט זיך מיט דער קנוטע,
„אהער" —זאָגט ער מיר— „ביז א פּרוטה!"
אללאה, אללאה.
דאָך ער קריעגט אויך וואָס אלע קריגען—
א תירוץ מיט א נייעם ליגען,
אללאה, אללאה.

איך וויים אז יעדערער וואָלט וועלען
א זופּ פון מיינע „דאַרדאַנעלען",
אללאה, אללאה.

דאָך מכות וועלען זיי בעקומען
די „דאַרדאַנעלען“ און מזומן,
אַללאַה, אַללאַה.

דאָך ווען מיך עקעלט יעדענס טענה,
דאַן האָב איך ווייבער זעהער פיינע,
אַללאַה, אַללאַה.
אַט זיי פערטרייבען מיין חלשות
און איך פערגעס אַן אַלע דרשות,
אַללאַה, אַללאַה.

„קאַזיאַנסטשינע“

מיך עקעלט די „קאַזיאַנסטשינע“,
איהר קאַלטע מעלאָדיע,
זי שטערט מיר די בעגייסטערונג
און טוידט די פּאָעזיע,
זי בלאָזט פון מיר דעם לעבען אויס,
דעם זיסען אַראָמאַט,
און מאַכט פון ליעבסטען יום טוב מיר
א טרוקענעם סאָלדאַט.
זי קומט ביי יעדע היילינקייט
מיט אָרדנונג ווי א וואַיט,
די העסליכע „קאַזיאַנסטשינע“,
די מיאוס׳ע, אַלטע מאַיד!

איך זעה זי ביי דער „רייניגקייט“
און ביי דער רויטער פּאָהן,
די ברודיגע „קאַזיאַנסטשינע“,
און שטענדיג אויבען־אָן...
אָט דאָרטען מוזט לייענען
לויט אָנגענומ׳נעם טראָפּ....
און דאָ טאָרסטו פון „פּלאַטפאָרם“
קיין פּיצעל ניט אַראָב...
דעם ווילען, זאָגט זי, קען זי ניט,
זי ווייס נאָר פון געזעץ,

די ברו'דיגע „קאזיאַסטשינע",
דער עקעלהאַפטער געץ!

איך קען זי, אַז די בחור'טע,
איך האָב געפיהלט איהר דרוק...
עס שרעקט מיך איהר בענגענעניש,
עס סקרוכעט מיך איהר קוק.
זי האָט מיך פון דאָס הייליגסטע
פערטריעבען טויזענד מאָל,
און איהרע אָפּפער מעהרען זיך,
און פאַלען אָהן א צאָהל.
און קומען וועט משיח ניט,
איך שווער איך אויף מיין הן, —
כל זמן מען וועט די מיאוסקייט
ביי יעדע קדושה זעהן...

צווינגט מיך ניט

(פריי נאָך היינע'ס „ווארטעט נור".)

ווייל איך זינג אַלץ טרויער־ליעדלאַך,
מיינט איהר, אַז איך קען ניט לאַכען?
האָט נאָר ניט קיין טעות, אידלאַך!
דען איך קען אויך חוזק מאַכען.

און איך זאָג אייך אָן: ניט צווינגט מיך,
איך זאָל פּלוצלונג נעהמען שפּאַסען!
דען איהר וועט ערשט אונבעדינגט מיך
מוזען שילטען און פערהאַסען.

דאַן, ווען איך וועל לוסטיג ווערען,
ווען מיין לאַך־גייסט וועט ערוואַכען,—
דאַן וועט איהר ערשט גיסען טרערען,
אבער איך, אָ, איך וועל לאַכען!

איך וועל לאַכען און זיך וויצלען,
אייך וועט אבער שרעקליך בייסען...
איהר וועט פיהלען אזא קיצלען,
אַז איהר וועט די האָר זיך רייסען.

זייט צופריעדען, וואָס מיט טרערען
איך בעדויער אייך, איהר, מאַכער!
וועה אייך דאַן, ווען איך וועל שווערען
צו פערבלייבען אייער לאַכער!

דער חזיר און די נאַכטיגאל

א פּאַבעל פאַר אַלע צייטען.

א בכבוד'ער דבר אחר,
אין חזיר־שטאַל א גאַנצער מאַכער,
ביי א קאָרעטע א פולע
אין אמת־חזיר'שע גדולה—
פלעגט אָפטמאָל ביי געלעגענהייט,
אַרונטערוואַרפען ביי דער זייט
אַן איבעריג ברעקעל פון זיין סנוק,
נאַטירליך מיט א קוק—
פאַר'ן באָק, פאַר'ן האָהן,
פאַר דער גאַנז, און פאַר'ן הונד.
ער פלעגט דאָס חסד טהאָן:
„אזוי צו געבען איז געזונד",
האָט ער אין זיך געלאַכט,
און שטילערהייט געטראַכט:
„עס, זאָלען זיי כאַפּען א ביסען,
און זאָל מען אין שטאָדט טאַקי וויסען,
אַז איך בין א גרויסער בעל צדקה,
וואָס זאָרגט זיך פאַר זייער הפסקה?
יא, זאָלען די חיות דאָס גלויבען
און שטאַרק מיינע גוטסקייטען לויבען."

* * *

און דעם חזיר איז דאָס געלונגען.
זיין נאָמען האָט אזוי געקלונגען,
זיין גוטסקייט — גע׳שם׳ט איבעראַל.
אַז איין אָרימע נאַכטיגאַל
איז געקומען צום רייכען שוויין,
ער זאָל איהר מהנה זיין.
„קום נעהנטער, קום, מיין טהייערער גאַסט!“
האָט דער חזיר געזאָגט מיט האַסט—
„איך וויל דיר מכבד זיין ווי דיר פּאַסט.
מיין טיש איז געגרייט צו יעדער צייט
פאַר דיר, פאַר אַלע גרויסע לייט,
געפינסט מיך שטענדיג ביי דיין זייט.
פרעג אָן דעם הונד, דעם האָהן, דעם באָק,
זיי ווייסען אַלע פון מיין חק:
צו צעהלען מצוות אויפ׳ן שאָק,
צו געבען יעדען, וועלכער בעט,
און אַלץ בסתר, ניט גערעדט...
אָט טהו איך יעצט אויך דיין פערלאַנג,
געוועהנליך וועסטו באַלד
צוקלינגען אין דעם וואַלד
א שענעם, פּרעכטיגען געזאַנג“...
און ריידענדיג האָט דיזער עקעל
ארונטערגעוואָרפען א ברעקעל...
און שווייגיש שמייכלענדיג א ביסעל
ארויסגעשטעלט דאָס חזיר־פּיסעל...

* * *

די נאַכטיגאַל האָט גלייך דערפיהלט
וואוהין דער רייכער חזיר ציעלט,

נאָך וואָס זיין טרפה'ר בוזים גליהט
פאַר זיינע „צדקות“, וואָס ער גיט.
און האָט געענטפערט די מינוט:
„יא, אמת, דו ביזט טאַקי גוט,
ס'איז ווירקליך ביי חזרים שווער
צו טרעפען אזאַ נאָבלען הערר.
דאָך בעסער שטאַרב איך אין נויט און פיין
אײדער זינגען הלל אויף א שוויין.“

צוויי מחותנים

מאטקע דער שמייסער.

ער איז גאר אין בלאטקע געװעזען א שמייסער,
פלעגט שמירען די רעדער און האלטען דעם בייטש,
און דא איז ער „פרעזידענט", הייסט מיסטער רייסער
און טראגט א „פרינץ אייזיק" און איז גאר א „דייטש",
אט דא האט פערבלאנזשעט ביים שמייסער אין בייטעל
א שענע מטבע, איך ווייס ניט פאר וואס?...
איצט שטעהט ער ביים ספר אין שוהל מיט א טייטעל
און טהיילט די עליות און איז בעל הבית.

כאהר:

מען זעהט שוין קיין פערד ניט,
מען זעהט שוין קיין בייטש,
פון בלאטקע דער שמייסער
הייסט יעצט מיסטער רייסער,
ער איז אין „ניו־ארצע"
געווארען דאזארצע,
געווארען א דייטש.

אין בלאטקע האט מאטקע געהאט פערגעניגען
ווען ער האט דערלעבט אין דער שמייסערשער שול

די תוכחה איין מאָל אין יאָהר כּאָטש צו קריגען—
ער האָט דאַן געהאַט ביז די דראַבּינעס פול...
און דאָ, ווען עס דאַרפען די ק״ק אנשי בייסער
אַ דרשן אַ נייעם, א רב, צי אַ ש״ץ,
דאַן מוז איהם פערהערען גאָר מאָטקע דער שמייסער,
ווייל ער איז דער מבין, ביי איהם איז דער פלאַץ.

כאָהר:

מען זעהט שוין קיין פערד ניט,
מען זעהט שוין קיין בייטש,
פון בלאָטקע דער שמייסער
הייסט יעצט מיסטער רייסער,
ער איז אין „ניויאָרצע“
געוואָרען דאַזאָרצע,
געוואָרען אַ דייטש.

אין חדר פלעגט מאָטקע קיין „אלף“ ניט ווייסען,
עס האָט דער מלמד געקאַיט פראָסט די ערד,
ער האָט איהם געשמית׳ט, האָט פּאַסען געריסען,
האָט שטיקער געביסען, נאָר קנעל מיט אַ פערד!
דאָך דאָ האָט דער בחור אַ „פינסטערע גבורה“,
אַ זעלטענעם כּוח, ער שטורעמט אַ וועלט, —
מען פרעגט ביי איהם עצות, ער זיצט גאָר אין „דזשורע״,
אַ גוואַלדיגער חכם, ער רעדט און מע קוועלט.

כאָהר:

מען זעהט שוין קיין פערד ניט,
מען זעהט שוין קיין בייטש,

פון בלאָטקע דער שמייסער
הייסט יעצט מיסטער רייסער,
ער איז אין „ניויאָרצע“
געוואָרען דאָזאָרצע,
געוואָרען אַ דייטש.

בערעלע שנאָרער.

אט באלד ווי ער איז דאָ אריבערגעקומען
האָט ער זיך מיט פליים צו דער טאָרבע גענומען,
און האָט דאָ געשנאָרט, און געשפאָרט, און געשנאָרט,
און האָט דאָ געשפאָרט און געשנאָרט און געשפאָרט,
ביז איהם האָט בעגליקט און ער מאַכט, ווי זאָגט יענער,
אַ לעבען אַ שענעם, וואָס קען נאָך זיין שענער!
איהם רופט מען שוין „באַננע“, זיין ווייב הייסט שוין „אַננע“,
דעם זוהן רופט מען „דזשאַננע“, די טאָכטער „מאַריאַנע“;
אין אָפים אַ סייף, און אין „פארלאָר“ אַ „פיאַנע“,
און טויזענדער זיינען דעם נגיד מקנא.

כאָהר:

מען זעהט שוין קיין טאָרבע,
קיין שנאָרישע שטיקער,
אַ „באַננע“, אַ „דזשאַננע“,
אַ סייף און אַ „פיאַנע“,
און געלד איז דער עיקר.

אין הקדש, אין שנאַרעווע, איז ער געבאָרען,
און דאָרטען פערבראַכט זיינע אינגעל'שע יאָהרען,
ביי איינעם געלעקט און ביים צווייטען געשמעקט,
ביים דריטען די האַנד אין דער קעש'נע געשטעקט...
אַט דאָ פלעגט ער קריגען און דאָרט פלעגט ער נעהמען,
קיין חרפה געקענט, ניט געוואוסט זיך פון שעמען...
דאָך דאָ איז ער איצטער אַ מאַן אַ פערשפיצטער,
אין קערידזשעס זיצט ער, אין דימאַנטען בליצט ער,
און שרעקליכען שכל און שאַרפזין בעזיצט ער.

כאָהר:

מען זעהט שוין קיין טאָרבע,
קיין שנאָרישע שטיקער,
אַ „באַנגע", אַ „דזשאַנע",
אַ סייף און אַ „פיאַנע",
און געלד איז דער עיקר.

מען זאָגט אַז אַ מאָל איז זיך בערעל געקומען
און האָט אין אַ הויז אַ פאָר לייכטער גענומען.
אֵי וועה האָט מען איהם דאָרט געפּאַקט און געהאַקט!
געהאַקט און געקנאַקט און אָם ענדע פערפּאַקט...
דאָך דאָ, וואָלט איהר זעהן, האָט אַ פאָנשאָפּ דער בחור;
אַ רייכער פּראָצענטניק, וואָס האַנדעלט מיט וואָכער.
דאָ נעהמט ער זיך לייכטער, און גאָפּעל, און מעסער,
דאָך ווער רעדט פון „זיצען"? אַרומגעהן איז בעסער!
דאָ פּילט ער מיט אוצרות אָן עמער און פעסער,
און וואָס פון מאָל ווערט זיין הכנסה רק גרעסער.

כאָהר:

מען זעהט שוין קיין טאָרבע,
קיין שנאָרישע שטיקער,
אַ „באָנגע“, אַ „דזשאָנגע“,
אַ סייף און אַ „פּיאַנע“,
און געלד איז דער עיקר.

ווי וואויל איז דיר, „באָנגע“, ווי גוט דיין מערכה!
וואָס דאַרפסטו דעם „מענש“, ווען דיר גילט די הצלחה?
דען ביזטו ניט היינט מיסטער רייסערס אַ פריינד,
וואָס ער איז אַ „איד“ טאַקע ממש וואָס שיינט?...
און זיינען מיר אידען ניט פראָסט אין גן־עדן
דערפאַר טאַקע נאָר, וואָס מיר האָבען אייך ביידען?
דו דאַרפסט זיך דאָ אסור פאַר אימיצען שעמען,
וואָס קימערט די וועלט דיך, וואָס אַרט דיך ווער־ווען?
דו זוך נור וואָס מעהרער און מעהרער צו נעהמען!
דען דאָ דאַרף מען וועלען און ווען מען וויל קען מען...

מאָנאָלאָג פון א סטרייק-ברעכער

אַיך בין אַ סקעב, נו, מילא וואָס?
דערווייל איז מזל ברכה.
איך בין יד־אחת מיט'ן באָס,
איך לעב, איך ליידיג אוים אַ כוס
און גיב פּאַר אַלעמען אָט דאָס...
אַבי איך האָב מלאכה!

ס'איז גוט וואו כ'גיב זיך נאָר אַ דרעה,
איך לאָך פון זייערע בייזער!
אַ סטרייק, אַז אָך איז זיי און וועה!
דאָך מיך בעגלייט די פּאָליצייי
אָט וואו איך געה און וואו איך שטעה,
איך בין אַ גאַנצער קייזער!

און אַרבייט, אַרבייט איז פאַראַן
אָהן שיעור און אָהן ערך.
סטרייקען, שמייקען, וועלכער פּלאַן!
אַן עסק נאָר פּאַר אַ בולוואַן,
נו, אַרבייט איך און בין אַ מאַן
און האַלט שוין אויף אַ דרך.

מיין גראָס'רי־מאַן איז לויטער פרייד:
איך ברענג אַהיים דעם גראָשען—

„ אַ „יוני“ זיי, אַ בייזע לייד!
וואָס אַרט אייך“, זאָגט ער, „זיי'רע רייד,
מען עסט דאָס דען? מען מאַכט אַ קלייד
דערפון?“ אָט דאָס איז לשון!

דער בוטשער און דער לענדלאָרד אויך:
„אַז אַלץ די כאַרנאַכיסטען!
אַ מכה,“ זאָגען זיי, „אין בויך
די „יוני“, געהן זאָל זי מיט רויך,
אַז וואַרפען זאָל זיי מיילען הויך,
די אַלע צענצעליסטען!“

דעם טויט דערלאַנגט מיר נאָר אין האַנד
מיין אייגענע אידענע.
אַ שלאַק, נאָך גאָר ניט לאַנג אין לאַנד...
„אַ מורא,“ זאָגט זי, „און אַ שאַנד“...
איך הער איהר אָבער ווי די וואַנד,
ס'גיבען שלעק פערשיעדענע.

דער עולם רעדט אפילו דאָך,
מען זאָגט... נאָר עט, ס'איז סברות!...
אַ פולע באָסעס גיבען נאָך,
אַז געבען זאָל זיי גאָט אַ בראָך—
אַז העכסטענס אפשר נאָך אַ וואָך
און איך וועל זיין אויף צרות...

היינט געהט פערשטעהט מיר, געהט און זעהט,
אַז באָסעס זאָגען ליגען!

אז זיי׳רע רייד איז ניט גערעדט,
אַז זיי צו גלויבען איז אַ חטא,
ערשט יעצט פערשטעהּ איך און איך וועט,
כ׳וועל מעהר קיין דזשאָב ניט קריגען!

אין עצה

על תען כסיל...
ענה כסיל...
(משלי, קאפ. כ"ו.)

דאָס בעסט, וואָס דו קענסט טהאָן דעם לומפ,
איז וועגען איהם צו שרייבען.
ער וועט זיך שטעהן אין מיטען זומפ
און פשוט נחת קלייבען.

דיין קראַפט ווערט נאָר אומזיסט פערווענדט,
געהסט רעדען צו אַ שרץ—
ער ווערט דורכדעם נאָר פראָמינענט
און קריעגט קיין דרך ארץ.

דו ווילסט דעם לומפ פערשאַפען שמערץ
זאָלסטו איהם איגנאָרירען,
דאַן ברעכט אין איהם זיין שווארצע הערץ,
ער מוז פאַר פיין קראַפירען.

דער לומפ בעליידיגט דיך, געדיינק,
זאָלסט זיך מיט איהם ניט דינגען!
מען גלויבט איהם סיי ווי סיי אַ קריינק,
ער מעג דאָ באַלד צושפרינגען.

דאָך מאַנכעס מאָל איז עס כדאי
דו זאָלסט דאָס איהם ניט שיינקען,
דאַן גיב איהם, גיב איהם סיי ווי סיי,
און זאָל ער דיך געדיינקען!

עפּיגראַמען

שאַפען

און שאַפסטו פאַר געצאָהלט אַליין,
דאַן איז דיין שאַפען זעלטען ריין.
און שאַפסטו, ווייל דו זוכסט אַ שם,
דאַן נאַרסטו זיך זאָגאַר מיט דעם.
דען שאַפען האָט נאָר דאַן אַ האַפט
ווען איינער שאַפט נאָר, ווייל ער שאַפט.

קריטיק

אויב דיין קונסט איז ניט קיין „אַי אַי“,
מען מאַכט אויף איהר קיין ברכה...
טאָ שרייב „קריטיק“ און שילט, און שריי
אויף דעם, וואָס האָט הצלחה!

איבערזעצען

ווען דו איבערזעצסט דאָס טויטע וואָרט,
דאַן פערגעמסטו נאָר אומזיסט אַן אָרט;
וואָרום קינסטלער ביסטו ווען דו ווייזט,
ניט יענעמס וואָרט, נאָר יענעמס גייסט.

די וועלט

די וועלט איז טויב ווען מען לויבט דיך,
און הערט ווען מען איז דיר צו־ווידער;
די וועלט איז בלינד ווען מען הויבט דיך,
און זעהט ווען מען לעגט דיך אנידער...

פארזיכטיג

זייט ערנסט מיט דער אונשולד סיי ווי סיי,
דען אפטמאל מאכט זיך לומפעריי,
אום אבצוטהאן א זאך א „בלאטע"—
גע'פגר'ט, שטיל און תם'עוואטע.

די מענשהייט

דו ביזט פאר'ן עולם ניט קלוג
ביז ער קען ניט ערפאהרען,
אז דו ביזט שוין מאן גענוג
איהם קונציג אבצונארען.

פרעג ניט

ניט פרעג די וועלט קיין עצה,
נאר פאלג דיין אייגענעם ראט,
ווייל נ א ר ד י י ן אייגענע פלייצע
מוז טראגען דעם רעזולטאט.

דער נאַר

בײ׳ם נאַר װערט אַ פולע קאָפּ מיט רויך,
װען איהם איז גוט און דעם חכם אויך,
דען לויט װי ער קען די זאַך פערשטעהן,
קומט דאָס גליק נאַר דער דומהײט אַלײן.

דער לומפּ

דער לומפּ פרעהט זיך ניט מיט װאָס ער האָט,
ער װיל נאַר זעהען דעם גוטענ׳ס באַנקראָט.
דען װען דאָס גוטע נאַר איז פאַרבײ
קען פרײ שטאָלצירען די לומפּערײ.

זי לעבט אײביג

די דומהײט, זי װעט לאַנג נאָך האַלטען,
און אַלץ אין אַנדערע געשטאַלטען
ערשײנען פאַר די מאַסען.
אין יעדען אַנדערען יאהרהונדערט
װעט זי אַלץ אַנדערס זײן בעװאונדערט
און װעט זיך שטענדיג פּאַסען.

די ערגסטע

פיעל זײנען די מענשליכע געברויכען,
פיעלע מענשען טרינקען, פיעלע רויכען,

מענשען שפּיעלען שאַך און שפּיעלען קאָרטען,
דער גערהט אין טהעאַטער און דער— דאָרטען...
עקעל אָבער מוזען די ערוועקען,
וועלכע גערהען נאָר אַרום און שמעקען...

אידעען

ר' יעקעל זאָגט: די וועלט איז פיין,
ר' טודרוס שרייט, אַז זי איז שלעכט,
איך שטעה פאַרטראַכט און הער זיך איין —
מיר דאַכט זיי האָבען ביידע רעכט.

מיט כח

פריש און מוטהיג, נאָר געוואַכט!
דען דאָס לעבען איז אַ שלאַכט.
לעבעדיג! זיך ניט געשווינט!
יעדע וואַגגנים ווערט בעלוינט.
וועהן דו ניצט דיין יעדע שעה,
דאַן פערגעסטו און— ביזט דאָ.

האַלט איהם

און האָסטו געכאַפּט דאָס גליק פאַר'ן קאָפּ,
טאָ האַלט איהם פעסט און לאָז איהם ניט אָב,
דען קוים פערטראַכסטו זיך אויף אַ ווייל',
אַנטלויפט ער פון דיר צעהן־טויזענד מייל.

פריערן

צושמעלצען ווילען זיי דעם שווערד,
ער זאָל אלס אַקער־אייזען דיענען,
צו אַקערען דערמיט די ערד,
אום דאָרט צו זוכען, צו געפינען
נאָך אַ שאַרפערע געוועהר,
וואָס זאָל קענען שניידען מעהר.

דער טראָסט

פאַר אלצדינג, וואָס איהר האָט,
דאַרפט איהר דאַנקען גאָט;
פאַר אלצדינג, וואָס אייך קאָסט,
דאַרפט איהר דאַנקען דעם טראָסט.

דער פראָסט
און דער טראָסט
זיי ברינגען אונז קיין פריידע: —
עס קאָסט
און עס קאָסט
און— פלאַצען זאָלען זיי ביידע!

נישט־קשה, אונזער וועלט איז פיין
גאָר אויף אַן אנדער אופן! —
אַ בייגעל־גנב שפּאַרט מען איין,
אַ טראָסטניק לאָזט מען לויפען.

די פרעסט און קעלטען זיינען פיעל,
די וועלט איז באָרוועס און נאַקעט.
דאָך מעג עס פריהרען וואו עס וויל,
אבי עס פריהרט ניט אין פּאַקעט.

אַן אַלטע מעשה

מען זאָגט אונז צו
אויפ'ן פיינעם אָרט.
מיר פרעגען: „נו"?
מען ענטפערט: „וואַרט"!
מיר שרייען: „סטייטש"!
מען ליאַרמט: „רוהט"!
עס קנאַקט דער בייטש,
עס רינט דאָס בלוט.

די וועלט און דער פּאָעט

עס געהט אַן אָר'מער דיכטער
אין הונגער און אין קעלט
און קרעכצט: „אָ, הימלישער ריכטער,
האָב מיטלייד אויף דער וועלט!"...

עס געהען די „ווערטהע לעזער"
גאַנץ גלייכגילטיג פאַרביי,
און קרימען מיט די נעזער:
„וואָס וויל ער סיי זוי סיי?"...

ליעבע

װען די ערשטע ליעבע שטאַרבט
לעבט די צװײטע זעהר זעלטען,
װאָס די צװײטע דיר פערדאַרבט
קען די דריטע ניט פערגעלטען...
װעה דיר װען דיר טרעפט די סיבה!
די װעלט האָט
נאָר איין גאָט,
און איין ליעבע.

װאָס טויג גאָלד? װאָס טויג זיין שימער?
פרישע לופט, אַ רײנער צימער,
ברויט גענוג, אַ ביסעל משקה,
רײז מיט יאוך און מילך מיט קאַשקע
און אַ װײב מיט אַלע מעלות,
און די װעלט איז פרײ פון יעלות.

איהר מעגט זיך מיט דער ליעבע בענשען,
ס׳איז קיין שפּאַס—
דאָך זי האָט שוין געטויט מעהר מענשען
װי דער האַס.

אַ ביבליאָטהעק

ר׳ יאָקעל האָט אַ ביבליאָטהעק
מיט ביכער, ביכער גאַנצע פּעק;

ער האָט דעם בוך „דער שעהנער שאָטץ“,
„דער יויטער האָהן“, „די בורע קאָטץ“,
„דער געלער פרינץ“, „דער גרינער שאָך“,
„דער ווייסער זיפּץ“, „דער העלער לאַך“,
און צימבעל באָם׳ס געדיכטע.
ער האָט ראָמאַנען אַלערליי:
„די בלאָנדע מינקע פון לאָזדיי“,
„דער הייסער פראָסט“, „דער פלאַכער תהום“,
„די קאַלב פון שכם“, „דער רב פון סדום“.
ער האָט אַלצדינג און האָט אַ סך,
ער האָט נאָר ליידער קיין תנ״ך,
קיין אידישע געשיכטע!

יענקים

יאָסעלע פּופּיק און חיים׳קע ביק
זיינען מיט עטליכע יאָהרען צוריק
געקומען אין דיעזער מדינה.
יעצט זיינען זיי ביידע שוין ענגלישע לייט
און האָבען געשעפטען און זיינען „אָלל רייט“
און קענען נים אָנזעהן קיין „גרינע“.

דיכטער און קויפמאַן

צוויי פּאָוואָליער אידעלאַך,
ביידע פון איין טאַטען.
איינער מאַכט זיך ליעדעלאַך,
איינער — „משא ומתן“.

איינער איז אַ קרעמעריל
און פערשפּאַרט צו קלאָגען,
איינער זינגט אַ זמר'ל
מיט אַ פוסטען מאָגען.

האָב קיין פּאַראיבעל

ווען דו האָסט אין שטוב קיין ביבעל,
טאָ שווייג און האַלט איין דיין צונג,
און האָב ניט קיין פאַראיבעל
ווען מען רופט דיך „גראָבער יונג".

א מצבה

אַט דאָ רוהט אַ צדיק,
אַ מגן הדור,
וואָס האָט אין עניות
פערבראַכט זיינע יאָהר.
זיין שם האָט געקלונגען,
זיין תורה געברענט,
ער האָט זיינע טעג נאָר
אויף לערנען פערווענדט.
און דאָך האָט ער קיינמאָל
קיין מנוחה געהאַט,
קיין דירה קיין רעכטע,
קיין ברויט ניט צוזאַט.
פער'יתום'ט געוועזען,
פערגעסען, אליין,

און דאָך ניט פֿערגעסען
צו קריעגען אַ שטיין...

עם הסדור

וואָס איז דאָס פאַר אַ חדוש,
וואָס שמערעל קען מיך ניט?
איך זינג און זינג אין אידיש
און זינג אַ אידיש ליעד.

מיין אומה דאַרף קיין ליעדער,
קיין דיכטער און קיין האַרף.
זי האָט אַ גראָבען סדור,
דאָס אַלעס וואָס זיא דאַרף.

חברות

מיר האָבען חברות שטאַרקע,
וואָס זאָרגען נאָר פאַר קרקע,
וואָס שאַפֿען אונז נאָר קברים,
דאָך זעהט מען זעלטען שטרעבען
צו העלפען די וואָס לעבען
און זיינען קראַנק און אָרעם.

אפאָריזמען

דו זוכסט אומזיסט זיך
פאַר'ן גביר צו בוקען,
אָט ווייזט ער דעם פנים,
אָט דעם רוקען.

אָרעמקייט איז שטענדיג אַן אומגליק,
רייכטהום א מאָל אַ שטראָף.

דער גביר גיט, אום צו קענען נעהמען.

ווען דו הערסט די גבירים לאַכען,
האָב מיטלייד מיט דעם אָרעמאַן.

דער גביר איז ווי אַ פענכער,
פול דערפון, וואָס אַנדערע האָבען
איהם אָנגעבלאָזען...

דער נגיד זוכט ניט די עהרע,
מען ברענגט זי איהם אין שטוב,
דער אביון זוכט די שאַנדע ניט,
ער טראָגט איהר אויף זיך.

ווען גבירים טאַנצען אין מזרח,
וועה די אביונים אין מערב!

ווען דער גביר נעהמט דיך ארום,
טאפט ער דאס ווי פעט דו ביזט.

דער שליסעל פון גן עדן איז עשירות,
און ארעמקייט — דער גיהנום אליין.

ווען דו גנב'עסט א מויער, איז וואויל דיר,
און ועה, ווען דו גנב'עסט א ציגעל.

דעם נגיד'ס חטא איז א מילב,
דעם אביון'ס — אן עלעפאנט.

דער גביר האט דיך ליעב ווען דו חנפה'סט איהם,
דער ארעמאן — ווען דו שטראפסט איהם.

דו מעגסט האבען די העכסטע נשמה,
דער גביר קוקט שטענדיג ארונטער אויף דיר.

דער נגיד וויינט ווען געלד איז וואלוועל,
דער ארעמאן — ווען ברויט איז טהייער.

דער חכם וויל געלד ווייל ער ד א ר ף דאס,
דער שוטה, ווייל ער ל י ע ב ט דאס.

עשירות איז א גאלדענע קארעטע,
דאס רוב עסט פון איהר א חזיר.

דער גביר ווערט אם מעהרסטען צומישט,
ווען ער דערזעהט א גליקליכען ארעמאן.

דער נגיד פערשטעהט ניט ווי דער אָרעמאַן לעבט,
און דער אָרעמאַן — פאַרוואָס דער נגיד לעבט ניט.

אַ נאַרישער עושר איז ניטאָ, און
דער קליגסטער אביון איז אַ שוטה.

דער נגיד בעשווינדעלט די וועלט,
און דער קבצן איז שטענדיג שולדיג.

דעם גביר'ס טויט ערוואַרטעט די ירושה,
און דעם אָרעמאַן לאָזט מען ניט לעבען.

דער בעסטער גביר איז אַ טויטער.

קאטאלאג

פון די

אינטערנאציאנאלע ביבליאָטהעק

	פריז
פיליפ קראנץ, קולטור געשיכטע, 1טער באנד, געבונדען....	$ .75
״ ״ ״ ״ 2טער ״ ״	.75
״ ״ ״ ״ 3טער ״ ״	.75
״ ״ ״ ״ 1טער ״ פאפיער....	.60
״ ״ ״ ״ 2טער ״ ״	.60
״ ״ ״ ״ 3טער ״ ״	.60
״ ״ פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען......	.75
״ ״ ״ ״ פאפיער......	.60
״ ״ אמעריקא פאר קאָלומבוס, געבונדען........	.50
״ ״ יציאת מצרים	.15
״ ״ וואָס הייסט נאציאָן	.10
״ ״ אריסטאָטעל ביאָגראפיע......	.10
״ ״ ברוך שפינאזא ״	.15
״ ״ שבתי צבי ״	.15
״ ״ יאָזעפוס פלאוויוס ״	.15
״ ״ בר כוכבא ״	.15
״ ״ לעסינג און מענדעלסאָהן ״	.25
״ ״ די פאמיליע ראָטהשילד ״	.15
״ ״ דון יצחק אברבנאל ״	.15
״ ״ מאָהאמעד ״	.15
״ ״ מעיערבעער ״	.15

פרייז

מאררים ראזענפעלד, שריפטען, 1טער באנד, געבונדען......	1.00
" " " 2טער " "	1.00
" " " 3טער " "	1.00
" " היינריך היינע, ביאגראפיע........	.15
" " יהודה הלוי "	.15
ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 1טער באנד	.50
" " " 2טער "	.50
" " אייזיק שעפטעל, דראמא	.15
" " זרבבל	.5
דר. קאספע, מעכאניקע	.10
" " כעמיע	.15
" " אסטראנאמיע	.15
יהואש, געזאמעלטע ליעדער, געבונדען	1.00
י. גארדין, ערצעהלונגען	.50
" " גאט, מענש און טייוועל	.25
" " סאפפהא	.25
" " אלישע בן אבוית	.15
" " דער אונבעקאנטער	.20
" " די אמת'ע קראפט..................	.20
" " וואלטער, ביאגראפיע	.10
מאקסים גארקי, ערצעהלונגען..................	.15
" " אינטערוויום	.15
ליעוו טאלסטאי, איינציגער מיטעל	.5
" " פאטריאטיזמוס און רעגירונג	.5
" " צום ארבייטער פאלק	.15

	פרייז
דר. ח. זשיטלאָווסקי, דער כאַציאָליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע	.40
ז. ליבין, געקליבענע סקיצען	.50
מ. באַראַנאָוו, דער מענש און די נאַטור	.10
ה. אלעקסאנדראָוו, טאָלסטאָי, ביאָגראַפיע	.10
ב. פייגענבוים רמב"ם "	.10
מ. וויערניק, רב סעדיה גאון "	.10
" " דער ווילנער גאון "	.10
מ. פרומקין, ר' ישראל בעל שם טוב "	.10
ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאָהן, ביאָגראַפיע	.15
לעאָפּ. קאמפף, פאר'ן שטורם, דראמא	.20
העריק איבסען, דיא גייסטער "	.20
„קניאז פאטיאמקין"	.20
דר. ש. פעסקין, סטרייקס	.5

אדרעסירען:

A. M. EVALENKO,

140--142 W. 27th ST.

NEW YORK.

פאלגענדע ווערק ווערען פערפערטיגט צום דרוק:

א פאלשטענדיגע אויסגאבע פון י. ל. פרץ'ס שריפטען

דר. ח. זשיטלאווסקי'ס שריפטען

ליעסינג'ס געזאמעלטע ליעדער

יודישע פאלקס־ליעדער געזאמעלט פון י. ל. כהן

מילל'ס פרייהייט, איבערזעצט פון דר. י. מעריסאן

דער מטורף, דראמא אין 4 אקטען, פון יעקב גארדין

יעקב גארדין'ס ערצעהלונגען, צווייטער באנד

ל. טאלסטאי'ס די שקלאפעריי פון אונזער צייט

" " דער סוף פון דער היינטיגער וועלט

" " די אויפשטעלונג פון גיהנם

" " וועגען דער געזעלשאפטליכער בעוועגונג אין רוסלאנד

" " תחית המתים

היינעס געדיכטע, איבערזעצט פון ד. פינסקי

סאקראטעס, א ביאגראפיע פון דר. ק. פארנבערג

געקליעבענע ערצעהלונגען פון גיואי דע מאפאסאן, איבערזעצט
פון י. ענטין